STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13562

# FUN YENER ZAYT LID

Rachel H. Korn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-13562-3

9780657135621T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

רחל ה. קאָרן / פון יענער זייט ליד

רחל ה. קאָרן



# פון יענער זייט ליד

RACHEL H. KORN
FUN JENER SEIT LID

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

רחל ה. קאָרן
פון יענער זייט ליד

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

שער־צייכנונג: שמעון פאָגעלמאַן

©

נדפס בישראל
Printed in Israel

1962

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען

# חנה בת רבקה

מיין מאַמע, וואָס איז געווען די געטרייעסטע צוהערערין פון מיינע ערשטע לידער און געוויינט צוזאַמען מיט מיר אויף דעם גורל פון די אָרעמע און פאַרשעמטע, האָט זיך שטענדיק געווינטשן, אַז איך זאָל איר נאָך ביי איר לעבן ווידמען אַ בוך.

אַפילו דאָס איז איר נישט געווען באַשערט.

זי ליגט ערגעץ אין אַ וואַלד מיט אַ דייטשער קויל אין האַרץ, אין דעם האַרץ, וואָס איז פול געווען מיט ליבשאַפט צו מענטש, חיה, פעלד, וואַלד און אַיעדן מינדסטן גרעזל.

מיינע לידער זענען דער המשך פון איר פאַרפרי פאַרשניטן לעבן.

# פון יענער זייט ליד

## פון יענער זייט ליד

פון יענער זייט ליד איז אַ סאָד פאַראַן
און אין אין סאָד אַ הויז מיט אַ שטרויענעם דאַך —
עס שטייען דריי סאָסנעס און שווייגן זיך אויס,
דריי שומרים אויף שטענדיקער וואַך.

פון יענער זייט ליד איז אַ פויגל פאַראַן,
אַ פויגל ברוין-געל מיט אַ רויטלעכער ברוסט,
ער קומט דאָרט צו פליען יעדן ווינטער אויפסניי
און הענגט, ווי אַ קנאָספּ אויף דעם נאַקעטן קוסט.

פון יענער זייט ליד איז אַ סטעזשקע פאַראַן,
אַזוי שמאָל און שאַרף, ווי דער דין-דינסטער שניט,
און עמעץ, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזעט אין צייט,
גייט דאָרט אום מיט שטילע און באָרוועסע טריט.

פון יענער זייט ליד קענען וווּנדער געשען
נאָך היינט, אין אַ טאָג, וואָס איז כמאַרנע און גראָ,
ווען ער דופקט אַריין אין דעם גלאָז פון דער שויב
די צעפּיבערטע בענקשאַפט פון אַ וווּנדיקער שעה.

פון יענער זייט ליד קען מיין מאַמע אַרויס,
און שטיין אויף דער שוועל אַ ווײַלע פאַרטראַכט
און מיך רופן אַהיים, ווי אַמאָל, ווי אַמאָל:
— גענוג זיך געשפּילט שוין, דו זעסט נישט? ס'איז נאַכט.

# מיין מאַמען

אַנשטאָט אַ מצבה אויף איר אומבאַקאַנטן קבר

זינט דו ביסט מער נישטאָ, בין איך געוואָרן המשך
פון אַלע דיינע נאָך נישט אויסגעלעבטע טעג,
און דו ביסט אַזוי שטיל אין מיר אַריינגעפלאָסן,
גלייך כ׳וואָלט געווען פון לאַנג פאַר טרוים דיינעם דער ברעג.

און כ׳בין איצט קליגער און באַשיידענער, מיין מאַמע,
גלייך כ׳וואָלט דעם גאַנצן האַרבסט אין זיך אַריינגענומען
און דורך דעם בלעטערפאַל פון מיינע מידע טעג
זיך איינגעהאָרכט אין לייד, וואָס דאַרף צו מיר נאָך קומען.

איך ווייס שוין, אַז פון אַלע רייזעס צו דעם גליק
דאַרף מען זיך אומקערן צוריק צו ערשטער קינדער-טרער,
ווי צו אַן אייגענער שוועל, דאָרט ערגעץ, צווישן חורבות,
וואָס וואַרט נאָך אַלץ געטריי, ווען ס׳וואַרט שוין קיינער מער.

און כ׳ווייס שוין, אַז צוליב דער קאַרגשאַפט פונעם האַרץ,
ווען עמעץ וואַרט אומזיסט אויף בליק, אויף וואָרט, אויף קלאַנג,
בלייבט מען שטיין ביי דעם ראַנד פון דער אייגענער נאַכט,
ווי אין מיטן פון זומער אַ ליידיקע זאַנג.

איך ווייס שוין, אַז דאָס וואָרט איז בלויז אַ שטילע שפור,
די שפור נאָך טעותן, וואָס אָדערן זיך איין
אין רויערד פונעם זיין — און ס׳איז מיין וואָרט אַ זיווג,
דער זיווג, וואָס פאַרבינדט מיך מיט דער מינדסטער שיין.

כ׳וויים שוין אַ סך, אַ סך, גלייך דורך די פֿאַלדן ערד
וואָלטסטו אָנגערירט מיין קאָפּ מיט דיינע שטילע הענט;
נאָר ס׳שטייט נאָך אַלץ מיין וויסן אָרעם און פֿאַרשעמט
פֿאַר אָט דער פּשטות, וואָס דו האָסט דורך זיך אַליין דערקענט.

עס איז נאָר דיר געווען באַשערט די חכמה פֿונעם הארץ
דערפֿירן אַזוי גאַנץ צום ראַנד פֿון אייגענע ליפּן,
אַז ווערן זאָל דאָס וואָרט, ווי היים, ווי טעגלעך ברויט,
פֿאַר יעדן, וועמען ס׳האָט די ליבע אויסגעמיטן.

נאָר דיר איז עס געווען באַוויליקט, מאַמע מיינע,
זיך אָנפֿאַרטרויען אַזוי גאַנץ דער אייג׳נער, שטילער טרער,
זי זאָל דיך צופֿירן צום סאַמע אָנהויב צער,
וואָס קען פֿון זיך אַליין שוין נישט אַנטרינען מער.

און בלויז ביי דיר, ביי דיר האָט עס געקענט געשען,
אַז דער קרייז פֿון דיין בליק, ווי אַ דאַך, ווי אַ וואַנט,
זאָל אַרומנעמען אַלץ, וואָס איז איינזאַם און הפֿקר:
פֿון קראַנקער שוואַלב, ביז אַ פֿאַרשעמטער, אויסגעשטרעקטער האַנט.

פֿון אַלע רייזעס צו דעם גליק, קער איך זיך אום צוריק
צום סאַמע טיפֿסטן, לעצטן אור־זין פֿונעם לייד,
און צו דער גרויסער תמימות פֿון דיין ליבשאַפֿט,
וואָס איז שטאַרקער פֿון טויט און אייג׳נער איינזאַמקייט.

מאָסקווע, אלול 1944

# דורות

פֿאַר מײַן טאָכטער ר ע נ ע, צו אירע זעכצן יאָר

מײַן מאַמע האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן
און איז געוואָרן דאָס ווײַב פֿון מײַן טאַטן —
ס׳האָט יענעמס בילד, פֿאַרגעלט, פֿאַרבלאַסט פֿון לאַנגע יאָרן,
געשמײכלט פֿון איר אַלבאָם סאַמעטענעם, אַלטן.

ווען זי האָט אויסגענייט אַ האַנטעך, אַ סערוועט,
אין רויטן זײַד אַרײַנגעשטיקט איר בענקשאַפֿט, איר באַגער,
פֿלעגן לויפֿן די שטעך, ווי שמאָלע ריטשקעס בלוט,
באַזילבערטע, באַזוימטע מיט איר שטילער טרער.

מײַן באָבע — ווער קען הײַנט פֿאַרשטיין דאָס לעבן פֿון אַ באָבען —
כ׳געדענק בלויז ציטערנדיקע הענט און שמאָלע, בלאָע ליפּן;
ווער קען עס וויסן הײַנט, צי ס׳האָט מײַן זיידע שאַיע זי געליבט,
ווי שווער עס איז געווען איר גליק און וואָס זי האָט געליטן —

ס׳איז פֿון איר נישט פֿאַרבליבן קיין בריוו, קיין שטיק פּאַפּיר,
נאָר טעפּ פֿאַרדראַטעוועטע אויפֿן בוידעם, עדות שטומע פֿון
געוועזענער וואָר —
ווען ס׳איז איר מאַן געשטאָרבן, איז זי געבליבן אַן אַלמנה יונגע,
מיט פֿינעף קינדער, דער ייִנגסטער זון אַ יתום׳ל פֿון קנאַפּע זיבן יאָר.

האָט זי אײַנגעפֿלאַנצט אַ סאָד, אַ סאָד געדיכט און ברייט,
ביימער אין שורות גלײַכע איינס ביי איינס געריייט,
כדי אַרומצוצוימען ס׳נייע נאַקעטיקע הויז
און איר אייגענע גרויסע איינזאַמקייט.

און איך — מיין טאָכטער איז איצט אַלט געוואָרן זעכצן יאָר,
גענוי ווי איך אין יענעם טאָג פון יענעם חודש מאַי,
ווען ס'האָט אַ שטילע שעה אַריינגעפלאַנצט אין מיר דאָס
וווּנדערלעכסטע וואָרט,
און ס'האָט געשמעקט מיט ווייסן בעז, מיט פרילינג און מיט שפּיל
פון ווייטן סאָלאָווי.

אַ פּעקל בריוו אין שאַנק, אַ שמאָלינק בענדל לידער,
אָט דאָס אַלץ איז דאָס אַש פון מיין לעבן.
איצט זע איך גענוי —כ'בין געווען צו נאָענט פון מיין גליק,
בין איך געלאָפן אַלץ פאָרויס, אַלץ פאָרויס און — דערנעבן.

כ'וואָלט מיין טאָכטער געזאָגט: — ניטע, ניטע, ניט יאָג,
לאָז דיך פירן פון דער אויסגענייטער, רויטער ריטשקע בלוט,
האָרך, וואָס ס'רוישן די ביימער אין דער באָבעס סאָד,
און וואָס ס'פּליסטערט פאַרטראַכט און פאַרטרויערט מיין ליד.

נאָר ווי קענען באַנעמען אירע זעכצן יאָר
פון פאַרגאַנגענע לעבנס דעם ציטער און טרויער?
ס'הייבט זיך אָן ביי איר אַלץ אויפסניי, אַלץ אויפסניי —

זי גייט און ס'גייען די שאָטנס איר נאָך און קושן איר שפּור,
און ערגעץ אויף אַ צווייג פון ווייסן בעז
פייבערט אוים זיין ליד דער ווייטער סאָלאָווי.

# אין וויפל טרערן

אין וויפל טרערן דאַרף איך אויסוואַשן די אויגן,
אַז כ׳זאָל נאָך איין מאָל זען מיין מאַמעס אויסגעשטרעקטע הענט
און איר פּנים איינגערעמט אין בלאָנדע, שווערע צעפּ,
מיט אַ שמילן שמייכל אין מיין זייט געווענדט?

מיט וויפל לייד און וויי דאַרף איך נאָך שיכור ווערן,
מיט וויפל קנייטשן נאָך צעאַקערן מיין פּנים,
אַז כ׳זאָל זיך אומקערן כאָטש איין מאָל אויף אַ רגע
צו דעם הויף מיט טויבן און דעם אַלטן ברונעם?

דעם ברונעם מיט אַ באָרד פון מאָכן טונקל-גרינע,
ווו ס׳פלעג מיין מאַמע שטיין פאַרטראַכט און איינגעבויגן,
און נאָכקוקן דעם קליינעם, ווייסן וואָלקן-שיפל,
איבער וועלכן ס׳האָט די זון אַ גילדענע נעץ פאַרצויגן.

נאָר אַט, מאַרישקע דרייט שוין מיט דער קאָרבע
און לאָזט אַראָפּ דעם ברייטן עמער טיף אין וואַסער —
זי דערטרענקט דאָס קליינע, ווייסע וואָלקן-שיפל,
און מיין מאַמעס פּנים ווערט אַלץ בלאַס און בלאַסער.

## מײַן מאַמע איז געקומען הײַנט צו מיר אין חלום

מײַן מאַמע איז געקומען הײַנט צו מיר אין חלום
מיט אַ סידור אָפֿענעם אין האַנט,
מיט אַ באַנעצטן פֿינגער אױפֿגעמישט די זײַט
און מיר באַפֿױלן שטרענג:
— מײַן קינד, זאָג װידױ, ס'איז די העכסטע צײַט.

כ'האָב נישט פֿאַרהידושט זיך אַפֿילו,
װאָס מיר שטײען בײדע דאָ צוזאַמען
בײַם צוקאַפּנס פֿון מײַן לעצטער תּפֿילה.

מײַן מאַמע האָט געבױרן קינדער דרײַ
מיט קעפּלעך בלאָנד־און קאַשטאַן־ברױן,
נאָר אַלע דרײַ פּאָר אױגן פֿון אַ טיפֿן ביר־קאָליר.

זענען שױן די ייִנגערע צװײ זײַן
צוזאַמען איצט מיט איר.
אײנער, װי די מאַמע, מיט אַ דײַטשער קױל אין סאַמע מיטן האַרץ,
דער צװײטער איז אַרױפֿגעשװומען אין דער הױך
מיטן שװאַרצן קרעמאַטאָריע־רױך.

רופֿט מײַן מאַמע איצט צו זיך אַהײם
איר עלטסטע און איר בת־יחידה —
שטײט זי נעבן מיר און מאָנט, און מאָנט, און מאָנט:
— מײַן קינד, עס איז די העכסטע צײַט, זאָג װידױ.

האָבן די טונקלע אותיות פֿון דער אױפֿגעמישטער זײַט
געפֿירט מיך צו דער גרענעץ גאַנץ אַלײן,
צו יענער גרענעץ, װאָס מען קען בלױז אײן מאָל איבערגײן.

איך האָב זיך אָפגעבראָכן פון מיין לעצטער שעה,
ווי אַ צווייג פון מידן, קראַנקן בוים,
און ס'איז מיין גאַנצע דאָאיקייט געוואָרן
אַ קאָשמאַרנער, ווייטער, ווייטער טרוים.

געוועזן איז אין מיר די שטילקייט פון פאַרנאַכט,
צו וועלכער ס'האָט די דעמערונג אַליין זיך פרום דערטראַכט,
און בלויז מיט דינעם, וויאַנענדיקן פאַס פון ליכט,
ווי מיט אַ שמאָלן וועג
צוגעפירט דאָס גאַנצע לייד מיינס צום סאַמע לעצטן ברעג.

עס איז געווען אין האַרצן שרעק, אויך שרעק,
און דאָך צו גלייכער צייט,
ווי עס וואָלט פלוצעם אויסגעלייזט געוואָרן
אַ פאַרטייעטע בענקשאַפט צו אָט דער מינוט,
וואָס כ'האָב אין זיך געטראָגן דורך אַלע, אַלע יאָרן.

ס'איז קיינער נישט געווען צו רופן מיך צוריק,
ס'האָט קיינעמס קול נישט אויפגעמאָנט מיך ביי דער לעצטער רגע
און ס'איז מיר אויך נישט נאָכגעגאַנגען קיינעמס בליק.

און מיינע עדות זענען בלויז געוועזן מיינע ליפן,
וואָס האָבן געפרווט אַריבערצופירן צו גאָט
מיין פאַרשעמטן, קינדערישן שמייכל פון אַמאָל,
ווי אַ לעצטן, אויסבאַהאַלטענעם סוד.

כ'האָב נאָכגעזאָגט די ווערטער פון דעם אויפגעמישטן בלאַט,
ווערטער אויף אַ געלן שטיק פּאַפּיר:
— מיין האַר,
היינט נאָך וועל איך שטיין פאַר דיר
מיט מיין גאַנצן ווײ און צער —

איך בין געווען גרייט.

נאָר פּלוצעם האָט אַ שטים אין מיר, צי איבער מיר,
אַ שטים, ווי ביי אַ האַרטן קיזלשטיין געשאַרפט,
„האָסט נאָך נישט אויפגעשריבן אַלץ, וואָס האָסט באַדאַרפט"
צוריק אַריינגעריסן מיך אין לעבן,
ווי אַן אייביקן בעל-חוב
אַ שופט שטרענגער און גערעכטער,
אויף נייער מי, אויף נייע שטרויכלונגען,
אויף זינד און אויף פאַרגעבן.

ס'האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז כ'בין שוין נישט געווען,
ס'האָט קיינער נישט דערשפּירט, אַז כ'בין שוין דאָ צוריק.
און ס'איז מיין אויפוואַכן אַנטקעגן נייעם טאָג
געווען אַזוי שווער און אַזוי גרויזאַם-האַרט —
עס האָט אויף מיר דאָ קיינער נישט געוואַרט.

# ווען מלאָכים שלאָפֿן

# די ווערטער פון מיין אַלף־בית

אַט קומען זיי צו מיר, די ווערטער פון מיין אַלף־בית,
זיי שמעקן שוין נישט מער מיט ווילד־מאָן און באַרווינעק,
מיט ווייצן צייטיקע, מיט פרישן היי און קלעע,
אויף זיי איז אויסגעברענט אַ נומער פון טרעמבלינקע,
עס טראָגט פון זיי מיט רויך פון בעלזשעץ און מיידאַנעק.

זיי זענען ווי די שבעה־זיצער נאָך אַ לעצטן זיפץ
און די פאַרוויגער פון אַ נישט־דערזאָגטער ווידוי;
זיי זענען די שליחים פון דעם מלכות גטאָ,
אַנטרונענע פון בלוט־באָד און בגידה.

אין ווענט פון שולן חרובע זיי שרייבן מיך אריין
דורך עמעצנס אַ לעצטער תפילה און נישט דערהערט געוויין,
קריצן מיך אוים ביי דעם צוקאָפּנס פון דער צייט,
ווי אַ מצבה פאַר מיין פאָלקס־געביין.

און ווען איז דאָס געווען, מיט וויפל יאָר צוריק?
אונטער דעם ברייטן קאַרשנבוים באַדעקט מיט ווייסן צוויט —
אַ באַנק, אַ הילצערנע, אַ טיש, אַ סידור אויפגעמאַכט
מיט פינטעלעך און שטרעכאַלעך, ווי ס׳וואָלט אַ נייע בריק
געפירט מיך צו די אַלטע ברעגעס פון תנ״ך.

און ווי ס׳וואָלט מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן דער ריח
פון דעם מיט מילך און האָניק פליסנדיקן לאַנד,
האָבן זיך דריי שותּפֿטעס — אַן אָסע, פליג און בין
צוגעזעצט און איינגעזויגן אין דעם ספרים ראַנד.

ס'איז שטיל געוועזן אַרום מיר, געזשומעט האָבן בלויז
די אָסע און די בין, ווען מיט זיין שמאָלער ווירע
האָט שמואל, מיין מלמד, איעדעס אות באַזונדער
אַרויסגעהויבן, אָפּגעקייטלט פון דער לאַנגער שורה.

ס'האָט גלייך מיט מיר אַריינגעקוקט אין סידור בלאָער הימל
דורך דעם קאַרשבוימס ווייסן, שמעקנדיקן סכך,
און אַ ווונק, אַ טאַטישן געגעבן מיטן אויג
צו דער מחנה טויבן אויף דעם ברוינעם דאַך.

האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אַלע, איינס ביי איינס,
איבער מיר געקרייזט, געדרייט זיך אין אַן עיגול,
פלעכטנדיק אין לופט אַרום מיין יונגן קאָפּ
אַ קראַנץ פון ווייסע, פלאַטערנדיקע פליגל.

גלייך ווי עס וואָלט איעדעס טונקלע וואָרט באַזונדער
געוועזן אַ קערנדל פון גאָט אַליין פאַרזייט
אויף דעם האַלב-פאַרגעלטן, אַלטן סידור-בלאַט,
פאַר זייערע ברייטע, זשעדנע שנאָבלען צוגעגרייט.

...ס'איז שטיל איצט אַרום מיר, מיט שטילקייט פון פאַרנאַכט,
עס שאָרכט בלויז אויף אונטער מיין האַנט דאָס אָנגעשריבענע בלאַט,
וואָס וויל ווערן אַ היים פאַר האַלב-פאַרגעסענער קינדהייט
און פרווּוט ווערן אַ היים פאַר אייגענעם נע-ונד.

## פֿאַרשעם נישט מיין וואָרט

פֿאַרשעם נישט מיין וואָרט, וואָס רייסט זיך צו דיר,
ווי דו הייסט נישט פֿאַרשעמען אַן אָרעמאַנס האַנט,
ס׳זאָל נישט ווערן פֿאַרשפּלט, ס׳זאָל נישט ווערן פֿאַרטריקנט,
ווי אַ ריטשקע אינמיטן פֿון שטיינער און זאַמד.

דערלאָז נישט ס׳זאָל מוזן גיין אָפּריכטן גלות
מיין ליד אין געבאָרגטן, געלאַטעטן העמד
צווישן אייגענע און נאָענטע און קלאָגן ווי שלמה:
— דריי מאָל ווי, אויך מיין נאָענטסטער האָט מיך נישט דערקענט!

האָסט ביי מיר אַלץ גענומען און פֿאַרביטן, פֿאַראיובט
יעדעס יאָר, יעדן טאָג, יעדע שעה פֿון מיין זיין,
ווי אַ משכּון פֿאַרזעצט מיך אויף נישט-אויפֿצומאָנען
ביי דעם שטויב און דעם אַש פֿון פֿאַרברענטן געביין.

האָסט מיין קינדהייט פֿאַרפֿרעמדט מיר דורך פֿלאַמען און רויך,
די דערמאָנונג זיצט שבֿעה נאָך פֿאַרשניטענע יאָרן —
נאָר דאָס וואָרט, נאָר דאָס ליד איז מיר אייגן,
און ס׳איז ווי אַ חתימה, ווי אַ גילדענע חתימה,
אויף דיין גרויסן און הערלעכן שווייגן.

## כ׳האָב היינט ביינאַכט

כ׳האָב היינט ביינאַכט געפּילט אַ ליד אויף מיינע ליפּן —
עס איז געוועזן ווי אַ פּרי זאַפּטיק-זיס און האַרב,
נאָר עס איז אויסגערונען אין מיין בלוט ביים טאָגס באַגין,
און ס׳גייען מיר בלויז נאָך זיין ריח און זיין פאַרב.

זיין שטילן ציטער הער איך אַלץ אין שטאַמלעניש פון זאַכן,
וואָס האָבן דורך דעם ליד געזאָלט נתגלה ווערן;
זיי שטייען איצט פאַרלאָזטע, מיט פאַרמאַכטע הערצער,
און ס׳קען זיי מער נישט עפענען קיין בעטן און באַשווערן.

ס׳וויינט מיט פאַרפריטן טויט אין מיר אַיעדער אבר,
און ס׳איז מיין קאָפּ געבויגן אבלדיק צו דר׳ערד;
עס האָט מיך גאָט גערופן באַנייען דעם בראשית,
און איך — איך האָב זיין שטים פאַרפעלט און נישט דערהערט.

פאַרוויאַנעט איז דער טאָג שוין אין זיין פרישטער שעה,
און אין מיין האַנט עקרהדיק וועלקט ס׳ווייסע בלאַט פּאַפּיר —
ס׳האָט מיט אַ כמאַרע גאָט פאַרשטעלט פאַר מיר זיין פּנים,
און ווי אַ פרעמדע שטיי איך איצט ביי מיין פאַרשעמטער טיר.

## האַלט ווייט פון מיר

האַלט ווייט פון מיר דאָס אַלץ, וואָס איז פאַרשטענדלעך,
דאָס אומפאַרשטענדלעכע מאַך נאָענט מיר, מיין גאָט,
און זאָל דאָס גרינענדיקע בלאָט פון בוים ביים וועג
לערנען מיט מיר דעם פשט פון תמימותדיקסטן סוד.

און היט מיך אויס פאַר יענעם פעסטן גאַנג און טראָט,
וואָס מעסט מיט איינגעגלויבטקייט יעדע לענג און ברייט,
און ווייסט נישט פון קיין שטרויכלונגען און פאַלן
און איז צו אַלע זיגן פון פאָרויס שוין גרייט.

דו ווייסט דאָך, ווי סכנהדיק ס'איז אייגענע זיכערקייט,
דו ווייסט דאָך, אַז דער אָנזאָג קומט דורך ציטערנדיקע קניען
און דורך דער שרעק אין האַרץ, און דורך דער אַנגסט אין בליק,
וואָס הייבט אין העלסטן טאָג צו דעמערן און שקיעהן.

נאָר לעש נישט אויס פון מיין זכרון דאָס, וואָס איז געווען,
פאַרשווענק נישט מיט קיין ליכט נאָך מיר דעם שמאָלן סליאַד,
און, אַז כ'וועל ווען'ס אַמאָל פיר ווענט אָנרופן: היים,
זאָל מיר צוקאָפּנס שטענדיק שטיין מיין נע-ונד.

און גיב מיר כוח, מיין האַר, זיך קענען אָפּצוזאָגן
פון שקרדיקן גליק, פון נישט פאַרדינטן שכר,
און זאָלן מיינע אַקסלען קענען כאָטש דערטראָגן
ביז צו דער לעצטער שעה דעם אויסגעשעפּטן צער.

## הינטער גאַרדינען פון נאַכט

דאָס נישט-געבוירענע שוועסטערל מיינס,
וואָס כ'האָב מיט ווערטער פאַרטריבן,
ווייל כ'האָב געוואָלט פאַר זיך אַליין
פון טאַטע-מאַמע זייער גאַנצע ליבע,
צענעמט די גאַרדינען פון נאַכט
און קוקט אַריין צו מיר דורך אַ שפּאַלט.

זי פרירט, ס'איז איר קאַלט
אין דער פרעמד,
איך הער ווי זי פליסטערט פאַרטראַכט:
— האָסט צוגענומען ביי מיר
די בכורה פון פרייד,
פון טרערן דאָס זאַלץ,
און דאָס אַלץ,
וואָס אַ מענטש איז באַשערט
אויף דער ערד.

ס'האָט דאָס זיידנס פון ווערטער געשאַרכט אַרום דיר,
ווי אַ קלייד.
ס'האָט דאָס לאַכן געפלאַטערט איבער דיר,
ווי אַ טויב, אַ געטרייע,
בעת איך, דיין שוועסטער,
וואָס איר נאָמען וואָלט געווען לאה,
האָב זיך אומזיסט געגרייט
פאַר ליבשאַפט, פאַר פיין

און פאַר דעם,
וואָס דו קענסט נאָך ביז איצט נישט פאַרשטיין.

איך קען שוין מער קיין שותפטע נישט זיין
צו דיין פרייד,
כ׳וועל קיינמאָל נישט הערן
דאָס וואָרט,
מיט וועלכן דער מאַי האָט געקושט דיינע ליפּן,
נישט גיין מיטן וועג אויסגעפּלאַסטערט מיט שטערן —

פאַראייגן מיך כאָטש מיט דיין צער,
גיב מיר אַ טייל פון דער שפע פון טרויער,
נגידיתטע דו!

ווי אָרעם בין איך קעגן דיר
אין מיין נישט־זוערן,
מיט הייסע באַכן טרערן
הינטער פאַררויטלטע אויגן
אויף אָפּצושווענקען יעקבס פאַרכמאַרעטן בליק
און דיין נדבה,
וואָס וואָלטסט מיר צוגעוואָרפן —
דאָס ביסל אויסגעבעטלטע גליק.

זע, אונדזערע טאַטע־מאַמע
שפּילן זיך נאָך אַלץ מיט מיר

ווי מיט אַ קינד,
אין דער וויג פֿון די זיידענע כמאַרעס.
זיי ווילן נישט וויסן,
אַז כ׳האָב אין לעבן דיינעם זיך אַריינגעביסן
מיט אַלע מיינע חושים.
כ׳האָב אונטערגעהערט דיין וואַקסן
אין שעהען
ווען מלאכים שלאָפֿן,
געגנבעט די גרענעץ
צו דער רײפֿקייט גילדענער פֿון דיינע זומער־טעג ;
און אין פֿאַרנאַכטן האַרבסטיקע,
וואָס ווערן שטילער אַלץ און גרויער
האָב איך פֿאַרדעקט די אַקסלען מיינע
מיט דער שאַל פֿון דיין טרויער.

מיין שוועסטער, וואָס האָסט דיין אייגנס אַ פּנים,
מיין שוועסטער, וואָס האָסט דיין אייגנס אַ נאָמען,
ווילסט ווערן צוריק אַ קינד,
אַריינוואַקסן אין דעם אַמאָל,
זיך טוליען צום שאָטן פֿון מאַמישע הענט,
אין פּחד פֿאַר בלייבן אַליין
מיט זיך און מיט אייגן געוויין.

בייט זיך מיט מיר —
איך וויל ווערן דו,

מיט גראָלעכן אַש אין די האָר,
מיט אַלע פאַרלאָשענע שטערן אין די אויגן,
דורך ליבשאַפט פאַרשעמטער צו דער ערד געבויגן,
מיט טעג פאַרשטייניקטע צום טויט
דורך אַ וואָרט,
מיט נעכט צעריסענע אויף שטיקער צוויי
דורך אַ שלוכץ,
דורך אַ שריי.
מיט איינזאַמקייטן אַלע,
וואָס זענען דורך דיר געוואָרן נתגלה,
און מאַכן אַ ברכה
איבער דיין עלנטן קאָפּ.

וועסט זען,
איך וועל אַריבערוואַקסן דיך
אויף דורות דריי
מיט ליבשאַפט, מיט שטאָלץ און מיט וויי.

איך גיב דיר אַוועק
מיין שלווה, מיין רו,
פאַר אַן איינציקן טאָג —
ווערן דו.

...די גאַרדינען פון נאַכט
האָט עמעץ נאָך ענגער פאַרצויגן

און זיי צונויפגעהעפט
מיט ציטער־שפּילקעס פון שטערן.

כ׳קען שוין דאָס געפּליסטער נישט הערן —
ס׳איז אַזוי שטיל אַרום מיר,
בלויז מיין שאָטן,
וואָס איז נאָך מיט מיר דאָ פאַרבליבן,
שפּינוועבט אַרום די נאַקעטע וואַנט.

שוועסטער מיינע,
צי האָב איך דיך אויפסניי
מיט מיין שוויַיגן פאַרטריבן?

# אָפּעראַציע־זאַל

צו וואָס אַזוי פיל ליכט,
אַזוי פיל שיין?
אַלע לאָמפּן געצונדן,
ווי אַ שמחה, אַ גרויסע
וואָלט אויף אונדז דאָ געוואַרט.
אַלץ לייכט,
אַזש ס'שטעכט אין די אויגן
און ס'ווערן די האָר אויסגעבלייכט.

און דו אַליין,
ביסט אויסגעפּוצט אין גאַנצן יום־טוב,
אַ קרבן אין ווייסן געקליידט,
צום מעסער גרייט.

דאָ ענדיקט זיך דער טאָג מיט אַלע זיינע זאָרגן —
צי וועט נאָך זיין אַ מאָרגן?
ווער ווייס —

ס'איז אַזוי שטיל אַרום, אַז הערסט, ווי ס'ווערט דער אָטעם
אַריינגעפּרוירן אין דער ליידיקייט פון שעה,
און ווי דער דופק שלינגט די לעצטע טראָפּנס לעבן
אויף דער שמאָלינקער בריק
צווישן דאָרטן און דאָ.

צי האָט זיך מיין קינדהייט צו מיר אומגעקערט
פון ווייטע, פאַרגעסענע וועגן

מיט פורים-שפּיל און פורים-טאַנץ?
און ס'קומען מיר אַנטקעגן
פאַרשטעלטע אין מאַסקעס און ווייסע כאַלאַטן,
דרייען זיך, דרייען דערנעבן.

כ'פּרוּוו טרעפן, דערקענען
וועמענס צורה ס'באַהאַלט זיך אויס אונטער דער מאַסקע:
חיים-משהס, צי סענדערס, צי יאַנקל דעם שוחטס?
און אפשר איז עס דער טויט,
און אפשר, אפשר דאָס לעבן?

מיטאַמאָל אַ קלינג פון שטאָל אויפן גלאָז,
אַ שער, אַ פּינצעט, צי אַ זעג —
די שטילקייט צעבראָכט מיט אַ בראַזג.

נאָר נישט זען, נאָר נישט הערן
דעם גרילץ פונעם שטאָל אויפן גלאָז.
כ'בין נאָך אַלץ דער באַלעבאָס
איבער חושים צעדולטע,
און ס'איז מיר מיין שטים נאָך געטריי
צו אַ לעצטן, פאַרעקשנטן שריי:
— שלעפט מיך איין, שלעפט מיך איין!
לייזט מיך אויס פון מיין גוף,
צו וועלכן עס צילט
דער שפּיץ פון אַ מעסער,
דער צאָן פון אַ זעג —

ס׳איז זיך עמעץ מרחם,
ס׳האָט עמעץ דערהערט
מיין רוף —
כ׳פאַל אַלץ טיפער און טיפער,
ווי עס וואָלט אויפגעריסן
אירע אינגעווייד הייסע
פאַר מיר
די טונקעלע ערד.

ס׳האָט די וועלט איבער מיר
זיך מיט בעלמע פאַרמאַכט —
ס׳ירשענען מיך די לאָמפּן,
די פענצטער, די ווענט —
איך אַליין בין שוין ערגעץ
פון יענער זייט נאַכט.

# אין שפּיטאָל

דאָס, וואָס דער טויט האָט דערווײַל אויסבראַקירט
טוליעט זיך אַלץ נאָך צו די פֿאַלדן פֿון נאַכט,
ווי אַ קינד, אַ פֿאַרשעמטס, צו אַ מאַמישן פֿאַרטעך —
דער טרויער וואַכט.

די שעהען צעאָדערט מיט אוממאַכט און פּײַן,
הענגען, ווי בלעטער פֿאַרפֿרי אָפּגעדאַרט
אין דעם אומעטיק-ווײַסן שפּיטאָלישן רוים —
פֿון יענער זײַט שוועל עמעץ וואַרט.

ט׳איז פֿאַרמעקט און פֿאַרווישט צו די נעכטנס די שפּור,
נאָר די איצטיקע רגע, ווי אַ פּרוכט צײַטיק-פֿול
שווערט אַראָפּ צו דער ערד מיט דער רויטקייט פֿון וווּנד —
גייט אויס מיט אַ זיפֿץ אין דער שטיל.

און פּלוצעם אַ שרײַ — אויף דער וואַך, צי פֿון שלאָף?
ס׳גייט אויף אינעם פֿיבער, ווי אין פֿלאַמיקן דאָרן,
אַ וואָרט, וואָס האָט ערגעץ אין טיפֿקייט געטליעט,
אַ פּנים פֿון לאַנג אָנגעוואָרן.

און ס׳וויל נישט פֿאַרשווינדן, נאָר ס׳מאָנט אַלץ און מאָנט,
מיט אויגן צעגליטע אַ חשבון, אַן אַלטן.
דער חצות האָט פֿאַרשטעלט יעדן ווינקל באַזונדער,
נישטאָ זיך אַווו צו באַהאַלטן.

און ווידער ווערט שטיל. דו הערסט בלויז ס׳געפּליסטער
פֿון די אומעטיק־נאַקעטע ווענט,
און זעסט, ווי עס קייטלען אויף זיי זיך די שאָטנס,
ווי מידע, פֿאַרבראָכענע הענט.

# די קאַרידאָרן טונקל

אין טיפסטער דאַנקבאַרקייט — Dr. Laird Wilson

די קאַרידאָרן טונקל, שמאָל און לאַנג,
ווי טונעלן אויסגעהאַקט אין האַרטן שטיין,
וואָס פירן, דאַכט זיך, ערגעץ אָן אַ סוף —
פאַר די, וואָס קענען גיין.

און טירן, טירן — איינס ביי איינס, און שטענדיק אָפן,
ווי ס'וואָלט דעם ווייטיק הינטער זיי געוואָרן פּלוצעם ענג,
האָט ער זיך אַ וועג געלאָזן צום אַנטרינען
פון די נאַקעטיקע, אומעטיקע ווענט.

הינטער איעדער טיר סע בייכיקן זיך אויפגעבעטע בעטן
אין זייער אומפאַרשעמטער נאַקעטקייט, דורך אַלע טעג און נעכט,
ווי זיי וואָלטן יעדע רגע זיך געריכט אין קימפּעט
מיט דער זינד אַקעגן מענטשלעכן געשלעכט.

צוגעוואַקסן צו די בעטן אין אוממעכטיקער פּיין,
די אויגן האַלב-פאַרמאַכט, דאָס פּנים אַשיק-גראָ,
ליגן ווי פאַרגעסענע משכנות אַלע די,
וואָס דער גורל האָט פאַרזעצט ביי קומענדיקער שעה.

טיילמאָל וועקט זיך אויף אַ האַנט און גיט אַ צי דאָס גלעקל,
צערוישט די שטילקייט זיך מיט ציטער און מיט שרעק,
ווי ס'וואָלט אַ רוף נאָך הילף געריסן שטיקער טאָג,
ווייל עמעץ זינקט, צו ווייט פון רעטנדיקן ברעג.

און אַלץ ווערט ווידער שטיל, עס וואַכן בלויז די ווענט
איבער גופים איינגעקאַרטשעטע אין שטומער פּיין.
מיט יעדער רגע ווערט די שטילקייט טיפער און געדיכטער,
מיט דעם איינגעהאַלטענעם און שטיקענדן געוויין —

מען וואַרט. ס'ווייסט קיינער נישט אויף וועמען און אויף וואָס,
דער בליק ווערט פול מיט אַ הכנעהדיק געבעט:
זאָל עמעץ קומען, זאָגן כאָטש אַ וואָרט,
אַ וואָרט פון טרייסט, נאָך איידער ס'ווערט צו שפּעט.

און מיטאַמאָל — די אויערן אויף דער לויער,
כאַפּן אויף דעם ריטעם פון איילנדיקע טריט —
עס דאַכט זיך, אַז דאָס בעט שווימט אונטער דיר אַוועק
און לאָזט דיך פון צעברויזטן ים אין סאַמע מיט.

ער קומט אַריין — בלאַ־אויגיק, בלאָנד, באַדאַכט,
ווי ס'וואָלט ביי צפונדיקע פיאָרדן געשטאַנען זיין געצעלט,
ווי ס'וואָלט די סאַגאַ נאָרדישע אין זיך אים אויסגעוויגט
אויף פּותר חלום זיין דעם טרויער פון דער וועלט.

און זיינע הענט, מיט מאַגישער באַשווערונג
פון פּריסטער אין אַן אור־אור־אַלטן ריטואַל
לייגט ער אַרויף אויף קראַנקע אברים און גלידער,
ווי ער וואָלט באַשווירן פון אונטער ערד אַ קוואַל

אַ פלייץ צו טאָן מיט דעם פאַרבאָרגענעם ווילן פונעם זיין,
אין מרידה קעגן גורלם פסק און גזר און פלוך —
ער שטייט, ווי ביי אַ הייליקער עבודה,
ווי אַ טרייער תלמיד פון דעם מענטשנהיילער
אין דעם ווונדערלעכן „סאַן-מיקעלע"-בוך *.

* דר. אַקסעל מונטע: „דאָס בוך פון סאַן־מיקעלע".

# פסחדיקע נאַכט

כ׳קען נישט אויפשטיין פון בעט
און עפענען פאַר דיר
די טיר.

מיינע קוליעס
אַנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט,
ווי געזאַטלטע פערד,
וואַרטן, אַז עמעצענס האַנט
זאָל צופירן זיי צו מיר.

כ׳בין פרעמד געוואָרן דער ערד,
און דער הימל
איז מיר צוגעטיילט אַזוי קאַרג,
אַט, וויפל עס נעמט בלויז אַרום
די איינציקע שויב אין דער וואַנט.

כ׳קען נאָר זען, ווי לבנה רייסט וואָלקנס אויף שטיקער
און בעט אוים די וועגן
פאַר דיר.

אליהו הנביא —
נישט אָנגעפילט דעם כוס
און נישט דעם טיש געגרייט,
נאָר סיידוי דאַרפסטו קומען היינט צו מיר
אין דער נאַכטיקער שעה,
ווייל ווער אויב נישט דו?

און אַפילו אויך דאַן,
ווען ס'האָבן מענטשן דיך בלויז אויסגעטראַכט,
און דיך געשיקט אויף וואַנדער-וועגן ווייטע
אַז דו זאָלסט זיי פאַרבייטן
דעם טרויער פון נאַכט
אויף אַ כוס מיט צעפינקלטן ווײַן —
מוזסטו קומען צו מיר,
אַט באַלד,
און באַרירן מיט דיין אויסגעשטרעקטער האַנט
די קוליעס, וואָס שטייען אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט,
און חלומען אוים זייער אייגענע קינדהייט
אין אַ זומערדיק-צעגרינטן ווייטן וואַלד.

# זיך אליין אנטקעגן

## אַלץ וואָס איז איינזאַם

אַלץ, וואָס איז איינזאַם, האָט די פאַרב פון מיין טרויער,
און אַלץ, וואָס פאַרשעמט איז און מיד,
שטייט אין אַ קרוין פון פאַרלאָשענע שטערן
ביי דעם ערשטן וואָרט פון מיין ליד.

פאַרוואָרלאָזטע בעטלער, פאַרשטויסענע פּרינצן,
פאַרגעסענער שמייכל, פאַרשפּעטיקט געוויין —
זער וועט זיך נויגן פאַר אייך און פאַרבעטן
אייך אַלע, ווען איך וועל נישט זיין?

## איך ווייס נישט

איך ווייס נישט, ווּיפל טרויער
האָט זיך אויסגעבאָרגט ביי מיר
דער היינטיקער פאַרנאַכט,
אַז ער איז אַזוי שטיל געוואָרן
און פאַרטראַכט,
גלייך ס'וואָלט אויף אים אַליין געשווערט
דער גאַנצער אומעט פון פאַרגיין,
און דאָס געוויין
פון קיינעם נישט דערהערט.

אַפילו די זון
איז הענגען געבליבן
אין שפּינוועבס פון כמאַרעס,
ווי אַ געפאַנגענע בין.

און דער היימישער, נאָענטער וואַלד
איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט,
ווי ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר
און פון איעדער טרייסט.

איבער די לאָנקעס צעגרינטע און ברייטע,
הייבן זיך נעפּלען מיט ווייסע וואַלן,
ווי אַ צעגאָסענער טייך —
שווימען און שווימען צום ברעג פון דער נאַכט
און איך — מיט זיי צוגלייך.

## די גריל

די גריל זעגט זיך דורך דער נאַכט „טשיר, רי, רי" —
זי זעגט און זי זעגט און ווערט אַלץ נישט מיד.
ס'איז געקעפּט שוין די שלווה און אויף העלפטן צעזעגט
דער טרויער, וואָס זוכט אַ וועג צו מיין ליד.

„טשיר, רי, רי", ביז צום מאָרגן אַ מהלך די זוייט,
פון פאַרטאַיעטע ווינקלען שלייכן שאָטנס אַנטקעגן,
עס בוויערט אַלץ טיפער און טיפער די גריל —
געבליבן איז נאָך מיין האַרץ צו צעזעגן.

## מײַן נשמה האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן

מײַן נשמה האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן
און קיינער איז נישטאָ, וואָס זאָל זי נעמען בײַ דער האַנט
און צופֿירן צום סאַמע לעצטן ראַנד.

טאַפּט זי אין דער פֿינצטער און רופֿט אין דער נאַכט.
איר קול ווערט פֿאַרטראָגן צו וואָרצלען פֿון ביימער,
און ס'ענטפֿערט נישט קיינער.

מײַן נשמה האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן,
זענען בלינד געוואָרן אַלע מײַנע טעג —
אין אײַנזאַמקייט חושכט דער פֿאַרלוירענער וועג.

# דאָס גראָז

דאָס גראָז, וואָס כ׳וועל קיינמאָל נישט זען
וואָרצלט שוין ערגעץ אין פייכטקייט פון ערד,
גלייך ס׳וואָלט פון יענער זייט זומער
אַ רוף און אַן אָנזאָג דערהערט.

פאַרן הויז, אין וועלכן ס׳וועט וווינען
בלויז מיינס אַ בוך און אַ בילד,
זענען שוין ציגל פאַראַנען
אין רויטלעכן אָפּשיין געהילט.

פאַרן טאָג, וואָס וועט קומען פאַרשפּעטיקט,
האָט שוין עמעץ אַ נאָמען פאַרטראַכט,
ער זאָל ווערן פאַרזיווגט אויף אייביק
מיטן טרויער פון אייג׳נעם פאַרנאַכט.

דער בוים, וואָס וועט שטיין מיר צוקאָפּנס,
איז נאָך שמאָל און דין ווי אַ קינד,
ער זייגט די זון מיט די בלעטלעך
און בייגט זיך צו יעטווידן ווינט.

דאָס הויז און דער בוים קענען וואַרטן,
נאָר דאָס גראָז, דאָס גראָז מוז זיין גרייט,
עס זאָל קענען מיט זיך פאַרדעקן
אַזויפיל ווײ און לייד.

## צו וועלכן חודש

צו וועלכן חודש האָסטו מיך פאַרזיווּגט, גאָט,
ער זאָל פאַר מיר דער לויטערסטער, דער שטילסטער ווערן —
און וועלכער טאָג וועט איינזאַמלען מיין לעצטן בליק
און אים דערטראָגן, ווי אַ קוש, צום ערשטן שטערן?

פאַרשטעל נישט מיט קיין שאָטן יענע שטילסטע רגע,
ווען ס׳וועט מיך טון אַ בלעטער שטרענגער לוח,
נאָר שטערן אוים מיין וואָרט מיט גלייביקייט און תמימות
און שיק עס מיר פאָרויס אין נאַכט, ווי אַ שליח.

דערלאָז נישט ס׳זאָל באַפאַלן מיך ביים סאַמע ראַנד
די זשעדנעקייט צו לעבן נאָך אַ טאָג, אַ שעה —
גיב מיר די גנאָד מיט אויגן אָפענע און שטאָלצן קאָפּ
זיך אויפצוהייבן צו מיין לעצטער רו.

# מיט וועלכן וועג

מיט וועלכן וועג וועסט קומען מיר אַנטקעגן,
אַזויפיל וועגן בלויז געאַנטע זענען איבעראַל —
צי וועסטו אויסקלויבן אַ טאָג, אַ זומערדיקן,
צי גאָר דעם ברוינעם האַרבסט, אין צייט פון בלעטערפאַל?

און אפשר וועסטו מיך באַגעגענען אין פרילינג,
ווען ס'בליט קאַנוואַליע ווייס און פיאָלעט דער בעז
אונטער דער גרינער חופה פון די קאַשטאַנביימער,
ווי ערשטע ליבע פול מיט וווּנדער און מיט נס?

ס'קען זיין: וועסט מיך אַרויסרייסן פון לעבן,
ווי ווינטערדיקער ווינט ס'פאַרגעלטע, לעצטע בלאַט,
און מיך אַוועקטראָגן אַהיים, וואָס וואַרט אויף מיר
נאָך אַלע וואָגל-וועגן פון מיין נע-ונד.

און אַלץ וועט ווידער ווערן אַזוי קינדיש-פּראָסט,
און אַלע עוולות אָפּגעמעקט, און איינגעוויגט די פּיין,
און ס'וועט אַ בוים מיט וואָרצלען אויסגעשפּרייטע זוכן
אין וואַרעמקייט פון ערד מיין איינגעשטילט געוויין.

# אַ פרעמדע האַנט

אַ פרעמדע האַנט וועט צומאַכן די אויגן
ערגעץ אין אַ צימערל געדונגען אויף דערווייל.
דעם שכנס ראַדיאָ וועט פאַרהילעכן מיין ווידוי
און אויפכאַפּן מיין לעצטן זיפץ אין יאָגיקן געאייל.

אַ פרעמדע האַנט וועט צומאַכן די אויגן —
געהערט עס אַזוי אָפט, נאָר קיינמאָל נישט געטראַכט,
אַז די ווערטער וועלן קומען מיר אַנטקעגן
אין דעם ערב פון מיין אייג׳נער נאַכט.

אַז איך וועל שעפּטשען זיי מיט די צעברענטע ליפּן
און ציילן יעדעס וואָרט באַזונדער, יעדעס אות,
און זיי אויפהענגען צעשנירלטע אין רייען,
ווי אַ קמיע אויף דעם האַלדז פון הצות.

אַ פרעמדע האַנט וועט צומאַכן די אויגן —
און אַז אַ פרעמדע האַנט, איז וואָס? איז וואָס?
ס׳וועט זיך פאַר מיר פאַרנויגן דורכן פענצטער
אַ לעצטער שטראַל מיט ברידערלעכן גרוס,

און שפּעטער-צו וועט פון דעם שטערן-וואָגן,
אָט דעם מיט דישעל אויסגעקרימט אַ ביסל אָן אַ זייט,
אַראָפּשפּרינגען מיין פעטער מיט דער בייטש אין האַנט
און זאָגן: — צייט שוין אויפזיצן, דער פאַעטאָן איז גרייט.

אַי, וועט דאָס זיין אַ יאַזדע מיט מיין פּעטער הערש!
במאַרעס וועלן אָפּטרעטן פון וועג אין אוממעכטיקן צאָרן
און עס וועט די לבנה בלייך ווערן פון שרעק,
אַז ס׳זאָל זי דאָס געשפּאַן אויף טויט נישט איבערפאָרן.

כ׳וועל זיך אַרויפדראַפּען אויף פּעטערס האַרטע קני,
און מיר וועלן ביידע לאַכן, שטיפן ווי אַמאָל —
פון וואָס? אַז כ׳בין געווען אַ קינד, אַ קליינס מיט גראָע האָר
און אַ גרויסער נאַר, דאָרט אין דעם שמאָלן טאָל.

העי, ווישטאַ, וויאָ! — דו בעסער האַלט די לייצעס,
וואָס האָסטו זיך פאַרקוקט אַזוי, וואָס זוכסטו אין מיין פּנים —
דו זעסט נישט, אַז איך שטיף, דו הערסט נישט ווי איך לאַך?
ווייסט דאָך, אַז עס קענען אָפּנאַרן פאַרשידענע סימנים.

...גאָר ווען נאָך האַלבער נאַכט וועט פרישע ראָסע פאַלן,
מיט שווערע טראָפּנס האַלטן גרעזער איינגעבויגן,
צי וועט דען עמעץ וויסן, אַז דאָס זענען מיינע טרערן,
ווייל ס׳האָט אַ פרעמדע האַנט מיר צוגעמאַכט די אויגן?

23־טער מערץ 1956

# פון וואַנען

פון וואַנען האָט דער וואָרזאָגער אַזוי גענוי געוווּסט
אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין נאָמען,
בעת ער האָט געלייענט מיין האַנט אין מיטן גאַס,
די ליניעס נאָכגעקוקט, ווי פליסנדיקע שטראָמען?

געלייענט און נישט דערלייענט, ווי ס'וואָלט פאַרפעלט אים אָטעם,
האָט ער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט צו דר'ערד די אויגן:
— איך זע נאָך עפּעס מער, נאָר כ'קען עס דיר נישט זאָגן — — — —
און ס'האָבן מיינע אַקסלען טיפער זיך געבויגן.

צי כ'האָב געגלייבט? מסתמא יאָ. ווי דען?
עס איז געוואָרן פּלוצעם דושנע, ענג אין האַלדז און ברוסט,
גלייך דער נאָוועמבער־טאָג וואָלט מיך פאַרשפּאַרט אויף אייביק
אין אַ שטייג, נאָר אים אַליין באַקאַנט, באַוווּסט.

וואָס דאַרף מען טון מיט זיך אין אָט אַזאַ מינוט,
ווען מיטאַמאָל עס ווערט די אייגענע היים דיר פרעמד,
פונקט ווי דיין אייגן לייב, ווען ווייסט, אַז אויסגעבאָרגט
ביים מאָרגנדיקן טאָג אויף דיר דאָס קלייד, דאָס העמד?

כ'האָב אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן אין מיין שטוב,
אַז יעדער ווינקל זאָל פאַרשווענקען זיך מיט ליכט —
און אפשר וועל איך אָפּשפּרעכן דאָס פרעמדע, בלויז געאַנטע,
וואָס וואַרט שוין און דאַרף קומען פּלוצעם, אומגעריכט?

עס האָט נישט אויסגעהיט די שײַן פֿון לאָמפּן אַלע,
וואָס כ'האָב געצונדן דעמאָלט אין מײַן הויז —
פֿון אַ ל ע איך אַליין, איך בין געבליבן לעבן,
ווײַל ס'איז אַזוי געווען געחתמעט פֿון פֿאַרויס.

דאָס נישט-דערזאָגטע האָט פֿאַרשרפֿהט און פֿאַרטיליקט
אַרום מיר אַלץ, ווי ס'וואָלט דאָס גרעסטע לייד
די מאָס פֿון מיר גענומען נאָך אין וויגל
און געוואַרט געדולדיק אויף זײַן שעה, זײַן צײַט.

איצט וויין איך נישט אפֿילו, כ'קען נישט וויינען,
נאָר טײלמאָל דאַכט זיך מיר: כ'בין אין אַ ווײַטן לאַנד,
אַרומגענומען מיט אַ ברוינער, שווערער ראַם,
אַרײַנגעפֿרוירן אין אַ גרויסן שפּיגל אויף דער וואַנט.

און מיטאַמאָל — ווי עס וואָלט עמעצס אויסגעשטרעקטע האַנט
צעקלאַפּט די שווערע ראַם אין ווילד-צעפֿלאַמטן צאָרן,
און צעבראָכן אָט דעם שפּיגל אויף דער וואַנט,
וואָס האָט געהאַלטן מיך געפֿאַנגען דורך אַזויפֿיל יאָרן.

און איך, איך גיי אַרויס מיט אויגן האַלב-פֿאַרמאַכט,
מיט ליפּן אײַנגעקלעמט דורך ציטערנדיקן פֿרעגן,
איך גיי אַרויס פֿון גרויסן שפּיגל אויף דער וואַנט —
זיך אַליין אַנטקעגן.

## חלום האָט פאַרשטעלט

חלום האָט פאַרשטעלט די נאַקעטקייט פון פּנים,
ווי מען פאַרהענגט דעם שפּיגל אין אַ נפטרס שטוב,
ווען ס'איז דער גאַנצער צער פון אַ פאַרשעמטן טאָג
געפלאָסן מיט די קנייטשן צו פאַרקלעמטער ליפּ.

די נאַכט איז ווי אַ חופּה אויפגעשטעלט אין חלל
איבער שטילע, נאָך נישט אויסגעוויינטע טרערן,
און פאַרזיווגט זיי דורך זילבערדיקע רינגען
צו אַ ווייטן, יונגן, אויפגעגאַנגענעם שטערן.

סטעזשקעס, שמאָלע סטעזשקעס צעאָדערן דעם חלום,
יעדע סטעזשקע פירט צו היים פון לייד און טרויער —
דאָס פּנים טונקלט, שאָטנט, נאָר איבער די שלייפן
ווערט אַ האָר, אַ ברוינע, גרויער אַלץ און גרויער.

# אָט דאָרט

אָט דאָרט, ווו די שטילקייט האָט וואָרצלען געשלאָגן,
איז נאָך אַלץ דער בראשית שעמעוודיק צעגליט,
בעת ער פיבערט אַריין אין די אויערן פון בלעטער
די קנאָספּענדע ווערטער פון אייביקן ליד.

אָט דאָרט, ווו דער טרויער איז הענגען געבליבן
אויף אַ דין־דינער האָר, פאַרשפּינוועבט און גראָ,
איז אַ סטעזשקע פאַראַנען, ווי אַן אָפענע אָדער,
פאַר בענקשאַפט, וואָס פליסט צו דער איינזאַמסטער שעה.

און ערגעץ אינמיטן — צווישן שטילקייט און טרויער,
בין איך איינע אַליין, ווי ס'וואָלט מיך געשטעלט
די פאַרנאַכטיקע שעה פון פאַרשפּעטיקטן פרילינג
צו היטן דעם זיפץ פון דערוואַכנדער וועלט.

# שפּיל אין פּאַנטאָן

בינדטס מיר די אויגן צו,
אַלץ פעסטער און פעסטער,
ווי אין אַ קינדערשפּיל,
די שפּיל אין „בלינדע־קו".

כ׳וועל אפשר דערזען
מיט פאַרבונדענע אויגן
די טרער,
וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר מיין שוועסטער.

ס׳קען זיין, כ׳וועל דערהערן,
ווי ס׳זינגען די לאַנג שוין פאַרלאָשענע שטערן,
און ווי ס׳ווערן טרוימען צייטיק אין דער שטיל —
טאָ זאָל אָנגיין ווייטער דאָס דאַזיקע שפּיל.

אָט שטרעק איך פאַרויס מיינע פינגער, מיין אָרעם —
ס׳קען זיין, כ׳וועל אין פינצטער דערקענען
מיינע בענקשאַפטן אַלע,
וואָס וואַקסן אַריין אין די קברים.

מיר דאַכט, אַז אַ שעפּטש האָט דעריאָגט מיך דאָ גראָד...
איך דריי זיך און דריי זיך אַרום אין אַ ראָד,
נאָר ס׳איז קיינער נישטאָ, וועמען איך זאָל דערשפּירן,
און קיינער, — וואָס זאָל זיך דערקענען צו מיר.
ס׳בלייבט הענגען אין חלל מיין ליידיקע האַנט,
דאָס שפּיל, דאָס שפּיל איז אויס —

נאָר כ׳קען נישט געפינען דעם וועג צו דער טיר,
איך פיל, ווי כ׳וואַקס-צו צו דער ליידיקער וואַנט...
איז ווער-זשע וועט מיר אויפבינדן די אויגן
און נעמען
מיין לעבן
פאַר א פאַנט?

## אויב וועסט

אויב וועסט מיך פרעגן ווען׳ס אַמאָל:
— וואָס האָסט געטון מיט יענער שעה,
מיט יענער שעה פון חודש אייר,
ווען כ׳האָב געוויינט צום ערשטן מאָל
פאַר דיר? —

איך גיי אַליין צו יענער שעה
מיט אַ פאַרטרוויערטן געבעט,
אַט ווי מען גייט אַמאָל אין טרוים
אַ שווערן, הויכן באַרג אַרויף —
נאָר כ׳קום אַהין צו שפּעט.

אויב וועסט מיר ווייזן ווען׳ס אַמאָל
די האַרבע אותיות פונעם ליד,
ווו האָסט צום ערשטן מאָל דערזען,
דערפילט דעם דריטנס שפּור —

נישט ענטפערן וועל איך דיר גאָר,
ווייל כ׳האָב קיין ענטפער נישט פאַר דיר,
נאָר גיין אַ באָרוועסע מיט שטויב
פון פריער גראָקייט אין די האָר
צום אָנהויב פונעם ליד,
ווי צו אַ פרעמדער טיר —

און כ׳וועל זיך זעצן שבעה דאָרט
ביי יעדן אות, ביי יעדן וואָרט,
וואָס האָט געלייקנט און געפּעלשט
אַקעגן דיר
און מיר.

# אַזױפֿיל װעגן

אַזױפֿיל װעגן האָט די נאַכט פֿאַרלאָשן,
ס'איז אױך מײַן שמאָלע סטעזשקע צװישן זײ —
נאָר שאָטנס אַרום מיר, מיט מיר איז בלױז דער טרױער,
װאָס איז דער אײנציקער געבליבן מיר געטרײַ.

אַזױפֿיל װעגן האָט די נאַכט פֿאַרלאָשן,
און מיך געלאָזן שטײן אין סאַמע מיטן טרױם —
עס האָט זיך אױפֿגעװעקט, אַ װײַן געטאָן מיט ראָסע,
צוקאָפּנס פֿון די װעגן אַ האַלב־פֿאַרדאַרטער בױם.

# שוואַרצע קראָען

שוואַרצע קראָען אויף די ווייסע פעלדער,
זייערע שפּורן איינגעקאַרבט אין שניי,
ווי אַ שריפט, פון כּסלוודיקן ווינט צעזייעט —
און מיין טרויער שאָטנט הינטער זיי.

שוואַרצע קראָען פאַרגייען זיך אין קראַקען,
ווי אַ כמאַרע הענגט דער הייזעריקער שריי,
ווען זיי הייבן אויף צום פלי די פליגל שווערע —
און מיין טרויער שאָטנט הינטער זיי.

זיי פאַלן צו צו צווייגן נאַקעטע פון ביימער,
בלייבן זיי פאַרשטאַרטע אויסגעזעצט אין ריי,
גלייך זיי וואָלטן וואַרטן אויף אַ שפּרוך געהיימען —
און מיין טרויער שאָטנט הינטער זיי.

גלייך זיי וואָלטן וואַרטן אויף אַ שפּרוך געהיימען,
אויף זיי אויסצולייזן פון דעם אייגענעם שריי,
וואָס פאַרציט מיט טונקלער אַנונג, ווי מיט בעלמע
די זון, דעם הימל און דעם ווייסן שניי —
ווען מיין טרויער וואַרפט דעם שאָטן איבער זיי.

## דורך דער קאַרגשאַפט פון גורל

דורך דער קאַרגשאַפט פון גורל,
וואָס האָט גענומען די מאָס פאַר מיין גליק
מיט קמצנישער האַנט,
בין איך געוואָרן אויפגעריכט
מיטן גרויסן עשירות פון לייד.

כ׳בין רייכער איצט, ווי ווען עס איז אַמאָל:

דער טאָג קען מיך מער נישט אונטערקויפן
מיט זיין גאַנצער צעגילדיקטער פראַכט,
ס׳קען מיך מער נישט פאַרפירן די נאַכט
מיט ריחות פון זשאַסמין צעבליטן און בעז
צום ראַנד פון די בענקשאַפטן אַלע,
וואָס ווערן בלויז איין מאָל אין לעבן נתגלה.

אַלץ וואָס איז געווען פרעמד און אומבאַקאַנט
קערט זיך איצט אָן מיט מיר
אין נייער קרובהשאַפט.

איך בין די יורשטע
פון וועלטן נישט-געבוירענע,
פאַר וועלכע כ׳האָב נעסטן געפלאָכטן
אונטער דעם דאַך פון מיין טרוים.

און גאָרנישט, גאָרנישט אויף דער וועלט, דער גאָרער
איז בילכער איצט און נענטער איצט צו מיר,
פֿון מיין קינדהייטס נע־ונדן ריח,
וואָס האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו מיר
אין אַ שעה,
ווען אַלין גלייכט זיך אויס
מיטן טרויער פֿון מידן און שטילן פֿאַרנאַכט,
אין וועלכן עס טרענקט זיך,
ווי אין אַ טיפֿן, פֿאַרטונקלטן טייך,
אַ פֿאַרשפּעטיקטער שמייכל,
מערבדיק און בלייך.

# אין שטילע...

פאַר ישראל ראַבינאָוויטש

אין שטילע, פאַרנאַכטיקע שעהען
גייט אום אַ מענטשלעך געוויין
און מאַכט פייכט ווי טל אין פרילינג
דאָס גראָז, און דאָס פעלד און דעם שטיין.

עס בלייבט הענגען אויף בלעטער און גרעזער
מיט טראָפּנס דורכזיכטיק און שווער,
און אַלץ אַרום וויל דערוואַקסן
צו אַ לויטערער, מענטשלעכער טרער.

ס׳ווערן וועגן פאַרוואָלקנט מיט טרויער,
אַז די ווייטקייט זאָל בלייבן פאַרשטעלט,
אַז דו זאָלסט ביי דער שוועל, ביי דער אייג׳נער,
דערקענען דאָס האַרץ פון דער וועלט.

און איינוויגן עס מיט אַ ניגון
אין שטילער, פאַרנאַכטיקער שעה,
אַזוי ווי אַ קינד ערב שלאָפן
מיט אַ פרידלעכן — איי ליו, ליו, ליו.

און איינוויגן זיך מיט אַ מעשה,
וואָס איז אויסטערליש קלוג און שיין,
און וויל מיט די קינדישע ליפּן
אויסטרינקען אַ מענטשלעך געוויין.

## דער טונקעלער שליח

בײַ י. י. סיגאַלס פֿרישן קבר

נישט איינמאָל האָסטו אים דערשפּירט.
דורך סטראָפֿע פֿון דײַן ליד,
דעם שוואַרצן פּרינץ פֿון טונקל־לאַנד,
מיט אָוונט־זון באַגלײט.

און טײלמאָל אים פֿאַרבעטן גאָר
צו סעודה פֿונעם וואָרט,
ווּ ס׳ווערט דער אמת פֿון נישט־הי
דורך טרויער אויסגעקלאָרט.

נאָר נישט געגלייבט, אַז דאָס איז ער
געקומען איצט נאָך דיר —
און ווי פֿאַר דײַנע אורחים מיד
צעעפֿנט ברייט די טיר.

דו האָסט געמיינט, אַז ס׳האָט דער בעש״ט
געשיקט דורך זײַן שטאַפּעט,
אַ חתימה גילדענע צום ליד
פֿון טרויריקן פּאָעט.

האָסט אים געוואָלט פֿאַרטרויען אַ סוד
אין שטילער, שטילסטער שעה,
פֿון וואָרט וואָס וווּנדיקט, פֿיבערט, קנאָספּט,
בראשיתדיק און בלאָ.

נאָר ס'האָט נישט אָנגעבויגן זיך
מיט אויער צו דיין ליפּ,
פון ווייט דער טונקעלער שליח,
וואָס איז אַריין אין שטוב.

ביים שוועל פון ווינטערדיקן טאָג
איז ער געבליבן שטיין —
מיט שווערן אָטעם צוגעדעקט
פון ליד דאָס לעצט געוויין.

# א י ו ב

פֿאַר אַ. גלאַנץ-לעיעלעס, צו זיינע זעכציק יאָר

װי ס'װאָלט דער הימל פּלוצעם זיך צעעפֿנט
מיט אַ װאָלקנבּרוך פֿון קללות און קרעץ,
װאָס האָבן אַלע ברכות אָפּגעשװענקט פֿון מיר,
כ'זאָל מוזן אין מײַן גאַנצן נאַקעט שטײן פֿאַר דיר.

מײַן קיניגרײַך געװאָרן איז דער עלנט —
איך האָב געזען מיט עקל אָפּװענדן די אױגן
פֿון מײַנע שכנים, מײַנע פֿרײַנד, מײַן װײַב,
בײַם אָנבליק פֿון מײַן יאַמערדיקן, עיפּושדיקן לײַב.

מיט בשׂורות רעות האָסטו מיך געשטײניקט, גאָט,
מיט בשׂורות פֿון מײַן אונטערגאַנג און בראָך,
ביז כ'בין געבליבן ליגן אונטער זײ
מיט פּנים אײַנגעגראָבענעם אין שטױב,
און בלױז געשטאַמלט: װיפֿל, װיפֿל נאָך?

און דאָך בין איך אין טיפֿסטער, ביטערסטער אבלות
געװעזן רײַך נאָך אין פֿאַרגלײַך מיט הײַנט,
װען כ'בין צוריק אַרומגענומען און באַגיטערט
מיט שאָף און רינדער, קינדער, װײַב און פֿרײַנד.

בעת עס האָט געשלאָגן מיך דײַן שװערער אָרעם,
בין איך נאָך אין מײַן לעסטערונג געװען דײַן טרײַער קנעכט,
דו האָסט זיך נאָך געשפּיגלט אין מײַן יעדער טרער
און אין מײַן טענה ביטערסטער ביסטו געװען גערעכט.

איצט גיסטו מיט אַן איבערפֿולטער מאָס מיר אַלץ צוריק,
דו האָסט פֿאַרדאָפּלט נאָך די צאָל פֿון שאָף און רינדער,
דו גיסט מיר זיבן זין און טעכטער דריי אויפֿסניי,
כ׳זאָל קענען אויסשעפּן פֿון פֿאָטערשאַפֿט דאָס גליק.

ווי קען איך פֿרייען זיך,
איך, וואָס כ׳בין רייפֿער איצט מיט דריי און זיבן נסיונות,
און כ׳האָב אין בלוט מיינעם באַגראָבן טויטן צען, צען מיתות?
איך האָב שוין אַלץ באַוויינט, וואָס איז נאָר ווערט אַ טרער,
איצט קען איך שוין נישט וויינען און נישט לאַכן מער.

און כ׳טראָג מיין נאָמען, ווי אַ זאַק מיט אַש,
צו שיטן אים אויף אַלע שבֿעהס פֿון דער וועלט,
און איך אַליין, איך בין געוואָרן אַ געצעלט
מיט שטענדיק אָפֿענער און פֿרייער טיר,
אַז ווּ אַן אומגליק, זאָל עס קומען לערנען זיך ביי מיר,
אַז ווּ אַ בראָך, זאָל מען ביי מיר זיך אויסבאָרגן אַ טרער,
אַז ווּ אַ שטראָף, זאָל איך דער עדות זיין, דער אייביקער.

ווי קען איך גלויבן דיר, אַז ס׳איז נישטאָ אין דיר
דער גלויבן אין דיין אייגענעם באַשאַף?
ווי קען איך טרויען דיר, אַז בלויז צוליב אַ שפּיל
ביסט איינגעגאַנגען מיטן שטן אַ געוועט,
און איינגעשטעלט מיך אינעם קאָן
אויף פּוסטן בלינדן טראָף?

איז ווינציק דיר געווען מיין תמימותדיקער אָפּשיי,
מיין פֿאַלן כּורעים פֿאַר דיין שטראַלנדיקן אָנגעזיכט
ביי יעדן נייעם אויפֿגאַנג פֿון טאָגס ליכט?

איך בין געוועזן גאַנץ און פֿול אין פֿרייד פֿון מיינע טעג,
איך בין געוועזן גאַנץ נאָך אין מיין פּיין און צער —
נאָר איצט בין איך געשפּאָלטן, ווי אַ קרוג פֿון ליים,
ווייל כ׳זע נישט מער קיין זין אין רצון דיינעם, האַר.

וואָלטסטו געפּרוווט מיך און געשלאָגן מיט דיין צאָרן,
כּדי מיך ווי אַ פֿאָן פֿון אומגליק אויפֿצוהייבן,
דאָס פֿאָלק זאָל דיך אין לייד מיינעם דערקענען און דערזען,
זאָל קומען פֿאַרכטיקייט איבער איעדן צווייפֿלער
און אָפּטריניקע זאָלן זיי געבוירן ווערן אינעם גלויבן —

וואָלטסטו מיך כאָטש געלאָזן ביי מיין ליידן
איך זאָל פֿאַרדאָפּלען זיך, פֿאַרטויזנטפֿאַכן אין מיין פּיין,
כּדי כ׳זאָל דעם באַשייד פֿון דיינע טואונגען באַנעמען און פֿאַרשטיין.

נאָר דו, דו אַלץ אַרומנעמענדער, גרויסער האַר,
דו, וואָס שטייסט איבער יעדער פֿרייד און איבער יעדן צער,
דו ווילסט, אַז ס׳זאָל זיך שפּיגלען, ווי אַמאָל
אין אויג מיינעם דאָס בלאָ פֿון הימל און דאָס גראָז פֿון טאָל,
כ׳זאָל מיט אַ שמייכל תמימותדיק און שטיל
פֿאַרשטעלן דאָס געוואָי אין מיר, יענעם געבריל,
ווען ס׳האָט מיין לייב געוויינט מיט אייטער און מיט קרעץ —

ווילסט כ'זאָל פאַרגעסן אַלץ,
פאַרקנסן זיך אויפסניי
צו דעם, וואָס שטייט אין בלינדער זיכערקייט
מחוץ איעדן ווי?

איצט פיר איך אויך אַ שפּיל מיט דיר —
איך טו זיך אָן די שבתדיקע קליידער,
איך טו זיך אָן דעם יום-טוב אויף מיין פּנים,
און ברענג דיר כלערליי קרבנות,
און רייכער ווייררויך אויף מזבח,
עס זאָל זיך דאַכטן דיר פון אַלע די סימנים,
אַז כ'בין נאָך אַלץ דער איוב,
איוב פון אַמאָל.

איך אָבער בין שוין צוגעקומען צו דעם לעצטן גבול,
צו יענער גרענעץ, ווו עס שטייט קיין וועכטער און קיין היטער,
ווו ס'האָט דאָס גוטס און בייז נישט מער קיין שליטה,
דורך ליידן מיינעם בין איך צוגעקומען צום יסוד —
נאָר איצט בין איך נאָך אָרעמער, פאַרלאָזטער,
ווי אין מיין קרעציקייט און עלנט פון אַמאָל,
ווייל ווער קען מיר פאַרגיטיקן מיין גרעסטע אבידה,
ווייל ווער קען מיר פאַרבייטן דיך, מיין גאָט?

נאָוועמבער, 1949

# מיט ביימער און פייגל

# אינדיאַנער זומער אין קאַנאַדער בערג

פאַר יעקב גלאַטשטיין

— — — ווי ס'וואָלט אַן אינדיאַנער הויפּטלינג פון אַן אַלטן שבט,
באַצירט מיט אָדלער־פעדערן דעם קאָפּ, אין פיל־קאָלירטער טראַכט,
אַרויפגעגאַנגען אויף די בערג צום סאַמע לעצטן מאָל
מחדש זיין די וועלט אין ערב איר פאַרנאַכט.

און האַלטנדיק ביים צוים דאָס הירזשענדיקע פערד
מיט אַ שטורקאַץ געצונדן יעדן בוים באַזונדער,
ביז ס'האָט געטון אַ פלאַקער אין דער האַרבער לופט
מיט אַ נייעם, אויפגעגאַנגענעם, בלעטערדיקן וווּנדער.

און ס'שטייט שוין יעדער בוים אין אָרעאָל פון גלי —
פון געל ביז אָראַנזש, שאַרלעך, פיאָלעט און קופּעררויט,
ווייל אויסשעפּן די לעצטע רגעס מיט איעדער אָדער,
איידער ער פלאַמט אַליין אַריין זיך אינעם טויט.

דאָס איז נישט אונדזער טויט, וואָס האָט נישט מער קיין פּנים
און האָט פאַרמעקט מיט גראָעם אַש די סטעזשקעס און די וועגן,
און גייט אַרום אַ נע־ונדער צווישן קברלאָזע,
ווען ס'לעצטע בלעטל ביישט אַראָפּ פון צווייג דער קרומער רעגן.

דאָ גרייט זיך יעדער בוים צום טויט מיט פייערלעכן פּאָמפּ,
און יעדעס אָפּגעשיידטע בלעטל, ווי אין אַ בלאָער וויג,
וויגט זיך לאַנג, פאַרטראַכט אין דורכזיכטיקער לופט
און גיט דער זון איר חלק הונדערטפאַך צוריק.

און פֿאַלט דאַן צו מיט שטילן זיפֿץ צו רויער, פּייכטער ערד,
צום שורש זיינעם, צו די וואָרצלען אויסגעקרימט, צעדרייט,
ווי ס׳וואָלט ערשט איצט, אַ מידם פֿון אויסגעשעפּטן גליק,
דערפֿילט דעם זין פֿון זיין אין זייער קנאָביקייט.

עס איז דער וואָלקנפֿרייער הימל ווי אַ ברייטע בינע
צוגעגרייט צום גרויסאַרטיקן, שטומען שפּיל פֿון שטאַרבן,
ווען ס׳וועט אַרויפֿשטייגן צו אים מיט טרעף פֿון בערג דער האַרבסט
און אַ פֿלייץ טון מיטן לעצטן בלוטשטורץ פֿון די פֿאַרבן.

אַזוי גרייט זיך צום טויט נאָר דער, וואָס לאָזט נאָך זיך ירושה
אַן ערד מיט אוצרות פֿול, מיט ברייטע, רחבותדיקע פֿליינען,
און ווייסט, אַז קיינער פֿון די יורשים וועט נישט זיצן שבעה,
און קיינער וועט נישט האָבן צייט נאָך אים צו וויינען.

אין אַזאַ קאַסקאַד פֿון שאַרלעך, אָראַנזש און פֿיאָלעט,
גייט אוים נאָר דער, וואָס וויל אַריבערשרייען זיך אליין
אין פּחד פֿאַר דער נאַקעטקייט פֿון לעצטער, שטרענגער שעה,
אין פּחד פֿאַרן בלייבן בלויז מיט זיך און אייגענעם געוויין.

אָקטאָבער, 1950

# פֿאַרשפּעטיקטער רעגן

פֿאַר רחל אויערבאַך

ס׳איז וואַכנלאַנג די זון געלעגן, ווי אַ שווערע יאַרמע
אויף קאַרק פֿון ערד — ס׳האָט זיך קיין בלאַט, קיין גראָז געטון אַ הויב,
די וועגן האָבן לעכצענדיק צעעפֿנט זייערע גומענס
און זיך פֿאַרקייכט מיט שווערע כמאַרעס שטויב.

ס׳האָט שאַרף געשמעקט די שטיקנדיקע לופֿט,
ווי ס׳וואָלטן, איינגעשלעפֿערט דורך דעם אייגענעם ריח,
געפּרוווט צוריקצורופֿן זיך אַליין צום לעבן
די האַלב פֿאַרשמאַכטע בלומען אויף גליענדן מזבח.

עס האָבן יאַסטרובעס געלאָזט זיך אָפּטער איצט אויף רויב,
און מחנות שפּרינגערלעך, ווי ברוינער, האַרטער שרויט,
געהאָגלט האָבן איבער תבואה־פֿעלדער רייפֿע
און אויסגעדראָשן אויפֿן שטאָם דאָס ברויט.

דער רעגן איז געקומען אַ פֿאַרשפּעטיקטער, ווען ס׳האָט
דאָס אויסגעדעווערט פֿעלד געברענט מיט רויט פֿאַרגיין,
ווען די פֿאַרדאַרטע ערד געמפּלט האָט מיט שטיינער,
און ביימער האָבן זיך פֿאַרשפּיצט מיט קרענקלעך, געל געוויין.

ער איז געקומען אַ פֿאַרשפּעטיקטער, גלייך ער אַליין
וואָלט זיך געלייטערט דורך דעם לאַנגן גרייטן ערב־קומען,
און נישט געוואָלט דורך בליצן, ווינט און שטורעם
פֿאַרגיכערן זיין גאַנג — באַזאַכטן, שטילן, פֿרומען.

צו אַלץ, וואָס האָט נאָך אים געגאַרט, האָט ער זיך איצט פאַרזיווגט,
ער טריפט פון אַלע פלויטן, טראָפט פון אַלע דעכער,
און ס'דאַכט, אַז אין דעם נידעריקן און פאַרטראַכטן הימל
וואַקסן אַריין דיביימער אַלץ טונקעלער און העכער.

און ס'ווערט דאָס נאָענטע נענטער און דאָס ווייטע ווייטער,
ווי ס'וואָלט געשטעלט זיך אַ מחיצה פלוצעם צווישן דיר
און אַלעם אומבאַקאַנטן — נאָר טראָפנווייז גייט אויף
די טרייסט און בלייבט, ווי אַ מזוזה, הענגען ביי דער טיר.

און ס'קומט צום שטילן אויסגלייך צווישן דיר און וועלט,
ווי ס'וואָלט דיין אייגענער צער זיך אויפגעלייזט אין טרערן,
און ווייסט, אַז ס'וועט דיין וואָרט, דיין תפילהדיק געבעט,
דער איינזאַמסטער, וואָס איז איצט גראָד אין מיטן וועג, דערהערן.

## ווערבע ביים טייך

ווי אַ מויל פֿאַרזיגלט מיט אַ קוש, אַ לעצטן
איז דער טייך געוואָרן אַזוי שטיל־פֿאַרטראַכט,
בעת ער היט דעם זילבערדיקן שימער פֿון די שטערן,
וואָס ס׳האָט אין נאַכטוואַנדל פֿאַריתומטן און שווערן
פֿאַרלוירן די נאַכט.

ער פֿאַרדעקט זיי מיט די פֿאַלדן פֿון די כוואַליעס,
די נאַכט זאָל זיי נישט קענען מער געפֿינען,
זיי זאָלן זיך פֿאַרפֿלאַנצן אין זיין גרונט דעם טונקלען
אין אַ געהיימען בונד, און אין זיין טיפֿקייט פֿינקלען
מיט אייביקן באַגינען.

נאָר די וואָראָזשקע־ווערבע שעפּטשעט מיט די בלעטער,
שטרעקט ווי אַ האַנט איר צווייג צום שימערנדיקן שיין,
וויל איינזאַמלען די שטערן, איידער ס׳ווערט צו שפּעט
פֿאַר ליטערנדיקן טרויער, דערלייזנדיק געבעט,
ערב דעם פֿאַרגיין.

## ס׳שפּרייטן זיך

ס׳שפּרייטן זיך פיאָלעטענע שאָטנס
איבער פייכטער, צעגראָבענער ערד,
די בראָנעס צעקייען די שפּורן
נאָך אַקער-אייזן און פערד.

עס רויטלען זיך לאָזעס ביים וועגראַנד,
ווי מיידלעך מיט ערשט-ליבע-חן,
גלייך ס׳וואָלט זיך אין זיי אויסבאַהאַלטן
די זון אין איר ערב-פאַרגיין.

די ערד וואַרט אויף גילדענע קערנער
מיט בייטן דורך ראָסע באַטויט,
און אָטעמט אַריין מיט די זאַפּטן
די בענקשאַפט צום צייטיקן ברויט.

אַמאָל פלעג איך נאָכגיין די זייערס,
וואָס האָבן פון זאַק אַרום קאַרק,
געשעפּט פולע זשמעניעס מיט תבואה
און צעשיט אויפן פעלד אונטער באַרג.

אַמאָל פלעג איך וואַרטן ס׳זאָל אויפגיין
די זריעה מיט סטענגעלעך ווייך,
און מיטן ווינט זיך צעוויגן,
ווי גרינער, צעגאָסענער טייך.

מיינע באָרוועסע פיס זאָלן בראָדזען
אין דעם צעפּלאַטערטן גרין,
ביז מיין לייב וועט ווערן שיכור
פון ראָסע ביים מאָרגנס באַגין.

כ׳זוך היינט אומעטום די זייערס,
ווי אַמאָל מיט מיין קינדישן האַרץ —
אַ ליידיקער זאַק הענגט און טרויערט
אַרום מיין אייגענעם האַלדז.

און דורך פינגער מיינע צעשפּרייטע,
פליסט שטיל פּיאָלעטענע שיין
פון אָוונט, וואָס ווייסט נישט, ווי איך,
וווּהין און צו וועמען צו גיין.

# אַ פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג

אַ פֿאַרשפּעטיקטער פֿרילינג אין פֿאַרנאַכטיקן דעמער,
און אַלץ אַזוי אויסטערליש פֿרעמד —
דער הימל אין מערב לאָזט דער נאַכט זיך אַנטקעגן
אין אַ פֿאַרבלוטיקטן העמד.

און אומזיסט פּרוּווט פֿאַרשטעלן מיט שפּראָצנדע בלעטער
דער בוים אין זיין קרוין די פֿויגלשע נעסט —
עס לויערן שוין גיריק־צעפֿינקלטע אויגן
פֿון טכוירן און קעץ אין גזילה־פֿאַרמעסט.

און כ׳ווייס נישט, צי ס׳האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן,
צי כ׳האָב טאַקע דערהערט אַ רוף,
און אַ זיפֿץ, ווי ס׳וואָלט זיך אַ האַרץ אָפּגעשטעלט
אין מיטן פֿון שלאָף.

# האַרבסטיקע פעדעם

ווי ס'וואָלטן אַלטע פרויען זיך די האָר געריסן
און מיט די לאַנגע פאַסמעס איינשפּינען געוואָלט די וועלט,
זי זאָל נאָך טעג פון רחבותדיקער רייפקייט
נישט אויסגיין פונעם ווינטערס שניידנדיקער קעלט,

פלאַטערן די פעדעם ווייסע, קרייזן אין דער לופטן,
ביז זיי פאַלן צו צו סטערנעס, ביימער, פלויטן —
אויף פעלדער אָפּגעזומערטע סע שפּינוועבט זיך דער טרויער
פון זייערע אויסגעפראַנזטע, ווינט־צעריסענע צויטן.

די לופט איז אויסגעקלאָרט, ווי אַלטער טרויבן־וויין,
אַז הערסט פון מײלן־ווייט דעם טרעשטש פון דינע צווייגן.
דער וואַלד ווערט שיטערער און רוקט זיך נענטער צו
צו הייזער און צו מענטשן אין זיין שטילן שווייגן.

נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן מער, נישטאָ וואָס צו פאַרדעקן
מיט אויסגעשפּרייטער חופּה פון צעגרינטע בלעטער —
געענדיקט איז דאָס ליבע־שפּיל ביי פייגל, חיות, מיקן,
ווי זיי וואָלטן אָפּגעצאָלט אַ חוב די וואַלדן־געטער.

אַפילו ווען עס דרומ'ט נאָך מיט רעשטלעך זון פאַרבלאַסטער
אין מיטאָג־שעה די שמאָלע סטעזשקע צווישן ביימן,
ליגט שוין אויף פעלדער נאַקעטע, אויף פאַסוויסקעס און לאָנקעס
דער איינגעהאַלטענער זיפץ פון שיידן און באַגלייטן.

און כאַטש דו ווייסט, אַז אין די וואָרצלען, אין די שטאַמען,
דרעמלען זאַפטן אָנגעגרייט פאַר פרילינגדיקע טעג,
איז ווי דו וואָלטסט געחשוונט זיך מיט פאַלנדיקע בלעטער
און ס'וואָלט אַ טייל פון דיר צוגלייך מיט זיי אַוועק.

דער שאָטן פון די מחנות וואַנדער־פייגל מידע,
וואָס פאַרציען ווי טונקלער רויך דעם ווייטן הימלסראַנד,
פאַלט אויף דיר, הילט איין דיין פנים, דיינע הענט,
ווען מאַכסט אַ ברכה איבער יעדן דאַך און איבער יעדער וואַנט.

## האַרבסטיקע לאַנדשאַפט

געוועקט האָבן דעם טאָג די קראָען מיט אַ הייזעריק געשריי,
מיט אָנזאָג האַרבן פון רעגנס האַרבסטיקע אַרומגעקרייזט דעם פליין,
נאָר יונגע סאָסנעס האָבן אויסגעשטרעקט די גרינע צווייגן,
ווי הענט אין אַ געבעט פאַר קומענדן געוויין.

די זון האָט קוים באַרירט די שפּיצן פון די בערג,
האָבן זיי זיך אָנגעצונדן מיט אַ רויטער שיין,
ווי אויפצוהאַלטן אין די פלאַמענדיקע בלעטער פון די ביימער
די זון — זי זאָל אין לאַנגע נעכט נישט מוזן אונטערגיין.

גערדיכטער נעפּל האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן וואַסער־שפּיגל,
צעשפּרייט זיך און צעכוואַליעט, געקרייזט זיך אין דער הייך,
גלייך ס'וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון איר קאָפּ דעם שלייער
אַ יונגע כלה — ס'זאָל וויגן זיך אין לופטן נאָך אַ צווייטער טייך,

און איינשפּינען די ביימער מיט וואָלן ווייסע,
ווי אין אַ כישוף־מעשה פון פאַרגאַנגענע צייטן,
און טראָגן געלע, ברוינע, קופּער־רויטע בלעטער,
ווי שיפלעך צו אַ ברעג, אַן אומבאַקאַנטן, ווייטן.

און ס'דאַכט, דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל געווען
אין חלום צי אויף וואָר — איך קען זיך נישט דערמאָנען —
נאָר ס'ווילט זיך מיטשווימען מיט אָפּגעריסענע בלעטער,
אויף ווייסע נעפּל־כוואַליעס ווייט אַוועק פון דאַנען.

ביז ס'לאָזט זיך פון די בערג אַראָפּ מיט סטעזשקע שמאָלער,
ווי צווישן קאָטשעראַווע האָר, אַ ווייסער שרינט,
און רייסט פונאַנדערביידע כוואַליענדיקע טייכן
מיט אַ שאַרפן פייף דער צפונדיקער ווינט.

אָקטאָבער 1960

# ווינטערדיקע לאַנדשאַפט

די ווייס-באַברעמטע שטילקייט
היט דעם חלום פון באַרג,
וואָס דעמערט מיט זיין שווערן, פליכעוואַטן קאָפּ
איבער דער שטאָט.

אָנגעלאָפּענער ווינט
מאַכט ברייטער דעם וועג צו די שטערן,
בעת ער שאָקלט אַראָפּ פון די צווייגן,
ווי טונקלע, צייטיקע פירות,
טשאַטעס דערשראָקענע פייגל.

זיי קרייזן אין דער לופט מיט הילפלאָזן געפלאַטער,
אויף זייערע פליגלען
שווערע טראָפּנס נאַכט —
דער טרויער וואַכט.

דער טרויער וואַכט
און הערט זיך צו
צו דעם זיפץ פון דער שעה,
וואָס דינגט זיך מיט דער בלינדער, קאַרגער נאַכט
פאַר אַ ביסל מנוחה און אַ ביסל רו,
פאַר זיך,
און פאַר אַלע די,
וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט
אויף אַ לעבן אַ גאַנצס
צו דער סעודה פון פענצטער, שיכורע מיט ליכט.

איצט וואַרפֿן זיי שיריים פֿון אייגענעם יום-טוב
דער פֿאַרטונקלטער גאַס,
דעם געפֿרוירענעם שניי
און דעם דורכגייער,
וואָס הפֿקרט צווישן זיי.

# פֿאַרנאַכט אין פֿאַרשנייטן וואַלד

פֿאַר שרה און יעקב דובאַוו

דיביימער זינקען ביז די בייכער אינעם שניי,
ווי אין אַ שליטן פֿערד, אַראָפּ פֿון גלייכן וועג.
די צווייגן שטעכן זיך אַריין אין נאַקעטיקן הימל,
גלייך אויפֿגעשטעלטע האָר, פֿאַרגליווערטע אין שרעק.

געשמיסענע פֿון ווינט, די ביימער מוזן טראָגן
דעם ווינטער אָנגעלאָדענעם אויף זייער ברויגעם קאַרק,
מיט אַ פֿאַרשטאַרטן בליק זיי קוקן אויס דעם פֿרילינג,
דעם פֿרילינג גאָלדיק־בלאָ, פֿון יענער זייט פֿון באַרג.

עס וואַרט אויף אים די נעסט ביים סאַמע שפּיץ פֿון בוים,
אַ פֿויגל־נעסט אַריינגעבעט אינעם געפֿלעכט פֿון צווייגן;
איצט טונקלט זי אַנטבלויזט אַקעגן קאַלטן הימל
און באַשערעמט דעם אומעט פֿון וואַלדיקן שווייגן.

עס שטעלט זיך אָפּ צוקאָפּנס פֿון די ביימער
די זון — אַ קאַן פֿאַרטייעטע צום שפּרונג,
זי קוקט זיך אום מיט קאַלטן, שיקלדיקן אויג
און לעקט די נעסט אַרום מיט שמאָלער, רויטער צונג.

ס'לעשט נישט דער ווייסער שניי איר אויפֿגעגליטע תאווה,
נאָר אין אַ גלוסטעניש פֿאַרבאָרגענער, געהיימער,
גיסט ער זיך אָן אַליין מיט רויט־צעפֿלאַמטע פֿאַסן
און שרפֿהט אויס אַ שמאָלע סטעזשקע צווישן ביימער.

מסתמא האָבן שוין די חיות אויפגעזוכט די נאָרעם
נאָך זייער הונגעריקן, טאָגיקן געיעג,
ס'האָט זיך דער ווינט אַפילו איינגעשטילט און רוט,
נאָר ס'הפקרט נאָך מיין שריט אינמיטן פוסטן וועג.

כ'קלאַפּ אָן אין האַרטער קאָרע פון אַן אַלטן בוים,
ווי אין אַ טיר, וואָס איז פאַרקייטלט און פאַרמאַכט,
און לייג די ליפּן צו צו זיין צערונצלט לייב,
אויף וועלכן ס'שאָטנט זיך די קומענדיקע נאַכט:

— צעעפן בלויז אַ שפּאַלט פון דיין באַמאָכיקט האַרץ,
דו זעסט, אין טאָלן ליגן שוין די נעפּלען אויף דער לויער,
ווי אויסטערלישע חיות אין ווייכע, גראָע פעלן,
גרייט איינצושלינגען מיך צוזאַמען מיט מיין טרויער.

## אין אַ ווינטערדיקער נאַכט

וואָס טראַכט דער וואַלד פאַרשיט מיט שניי
אין לאַנגער ווינטער־נאַכט?
איך ווייס עס נישט,
נאָר ס'האָט דאָ ווען'ס
דער טרוים צו מיר געבראַכט
אַ שטילן זיפֿץ,
אַ לאַנגן קרעכץ,
אַ ברוינלעך־רויטן פלאַם
פֿין סאַרנע ביים פאַרשנייטן ראַנד
אין טונקלער וואַלדן־ראַם.

די אויגן מיט לבנה פֿול,
און אַלע חושים וואַך
צו יעדן טרעשטש, צו יעדן שאָרך
פֿון בוים, פֿון צווייג, פֿון סכך.

ס'צעשאַרן שלאַנקע קאָפּיטעס
דעם ווייסן, ווייכן פּוך,
ביז זיי דערגראָבן זיך צום פּעלץ
פֿון זאַפּטיק־גרינעם מאָך.

נאָר מיטאַמאָל סע ווערט דער שניי
אויף ברייטע, ווייטע שטחים פֿעלד
געפּאַסעוועט, ווי מיט אַ בייטש

פון גראָעם אויסגעשטרעקטן לייב
מיט אויפגעיאָזשעט-האַרטע האָר —
אַ וואָלף איז אויף דער שפּור.

עס טרעסעט אָפּ פון בוים און צווייג
דעם פרישן, ווייסן, פּוכקע שניי
דער סאָוועס הייזעריק געשריי.
ס׳איז אויף דעם שריי געבליבן הענגען,
ווי אויף אַ סטרונע, דאָ דערנעבן
דער פלאַמיק-ברוינער סאַרנעס לעבן.

אויך מיך האָט אויפגעוועקט דער שריי
פון שווערן, האַרטן שלאָף —
איך זע נאָך איצט דער סאַרנעס גוף
אין שרעקיק-ווילדן שפּרונג;
די אויגן אירע פול מיט גרויל,
און פּאַסמעס מאָך, וואָס הענגען נאָך
פון ווייכן, מילדן מויל.

און כ׳זע, ווי ס׳בריט דעם ווייסן שניי
דעם וואָלפס צעהיצטע צונג,
און ווי עס שווידערט אויף זיין פעל
אונטער דער סאָוועס שריי.

# ווילד-וויין

כדי ס׳זאָל זיך די אָרעמקייט נישט מוזן שעמען
מיט ריסן ווונדיקע אויף ווענט, מיט אירע טונקלע לעכער,
פאַרדעקט ער זיי מיט אייגן לייב, ווי מיט אַ ברייטן מאַנטל,
שפּרייט זיך אויס איבער איעדער גראָקייט, ווי אַ פעכער.

מיט עטרות רעמט ער איין די שטערנס פון די פענצטער,
ווען זיי שטייען שחרית צו דעם זוניקן פרימאָרגן,
זייער תּפילה רינט דורך ווילד-וויינס גרינע בלעטער,
מיט שטילן שעפּטש און זיפץ פאַר טאָגס באַנייטע זאָרגן.

דאָס ערשטע שעמעוודיקע, פרילינגדיקע יוירן
שטעלט אויף זיינע דאַרע ריטלעך קנאָספּן, ווי די פּאָקן,
וואָס נעמען אָן זיך מיט דער דרויסנדיקער פייכטקייט
און צעעפענען זיך געלבלעך-בלייך, דערשראָקן.

ביז ס׳ברענגט זיי יעדער נייער טאָג צו זומערדיקן רייפן,
בעת זיי ווערן דורך דער אייגענער זאַפטיקייט פאַרשווענקט,
און ס׳גיט פון צווייגן, ווי פון אָדערן אָפענע, אַ פלייץ
מיט פרישן גרינעם בלוט אויף פּלויטן און אויף ווענט.

די בלעטער זיינע האַלט ער אויסגעשטרעקט ווי הענט,
מיט דלאָניעס אָפענע אַרויף, עס זאָל וואַראָזשען אים
זיין מזל פון איעדן אָדערל, איעדן בויג און קנייטש,
דער טאָג, וואָס קומט צו גיין — אַ מידער פּיליגרים.

כאָטש ס׳איז פאַרוים באַוווּסט דער גורל און די שעה,
ווען ס׳וועט דער אָסיען מיט פּורפּורנע, פיבערדיקע פלעקן
אויסזשאַווערן אויף זיינע אויסגעשפּרייטע בלעטער
די מוסטערן פון אומקום, וואָס וועלן אַלץ אַנטפּלעקן,

בעת אַ שאַרפער ווינט וועט רייסן בלאַט נאָך בלאַט,
ביז עס וועט בלייבן הענגען דאַר און אויסגעשפּאַנט,
און אָפּגעדעקט פאַר יעדנס אויג, זיין מאָגערער סקעלעט,
ווי געקרייציקט אויף דער גראָער, טרויעריקער וואַנט.

נאָר פריער — איין מאָל נאָך, נאָך איין מאָל ערב-גסיסה,
וועט ער, ווי אַ פאַנטאַזן, אַ שפּריץ טון הויך און העכער
מיט הייסן קופער און פּורפּור פון אַלע זיינע בלעטער,
און מיט אַן אָרעאָל פון גלי אַרומנעמען די דעכער.

# פֿאַרנאַכט בײַם ים

פֿאַר נחמה און יחיאל לעסאָוואָדער

ס׳קוקט שוין נאָכמיטאָגדיקע זון מיט אַ קאָסאָקע אויג
אַריבער פֿאַלמען־קעפּ און פֿלאַכן דעכער־ראַנד —
די אויסגעשטרעקטע פֿינגער פֿון די ערשטע שאָטנס
באַטאַפּן דעם צעהיצטן שטערן פֿונעם זאַמד.

אַ ווײַלע לײדיק בלײַבט דער ברעג,
ווען ס׳גײט אַלם לעצטע אויך אַוועק
אײַנגעהילט אין גרוי,
מיט שלעפּנדיקע טריט,
די אַלטע, מידע פֿרוי.

אַ ווײַלע לײדיק בלײַבט דער ברעג.
נאָר אַט — עס פֿליען אָן די מעוועס אין אַ בינט
און לאָזן זיך אַראָפּ פֿאַמעלעך, אויסגערעכנט, גלײַך,
די יורשים פֿון פֿאַרלאָזטן, ברײטן קיניגרײַך.

זײ שלאָגן, רײַסן זיך איבער אַ קרישקע ברויט,
דאַן שטעלן זײ זיך אויס לענגאויס דעם ברעג אין רײ,
ווי עס וואָלט עמעצם האַנט
זײ אויפֿגעציליעט אויף אַ שמאָלן באַנד.
די פֿעדערן אָנגעבלאָזן אַרום דינעם האַלדז,
די בליקן זײערע זשעדנע, כמורנע־בײז,
ברוגז מיט דער גאַנצער קאַרגער וועלט פֿון הי,
פֿול מיט חשד צו יעדן שאָטן און צום אײגענעם מין,
גלײַך ס׳וואָלט די ערד בײַ זײ אויף אײביק צוגענומען
די גאַנצע זיכערקײט און שטאָלץ פֿון זײער פֿלי.

צווײ נעגער קלױבן אױף דעם אָפּפאַל אין אַ קױש:
מאַראַנצן־שאָלעכץ, שאָכטלען, פּענעצלעך פּאַפּיר,
װאָס שאַרכן אױף מיט פלאַטערנדיקער שרעק;
מיט קאַמען אײַזערנע זײ גלעטן און פּאַרקעמען
די גאָלדיק־בלאָנדע פלעכטן פון דעם זאַמדן־ברעג.
זײערע טונקלע הענט,
װי אױסשפּירער פון קומענדיקער נאַכט,
בלײַבן אַ װײַלע הענגען אין דער לופט באַזאָרגט,
מיט דלאָניעס אָפענע און פינגער אױסגעשפּרײט,
גרײט אױפצוכאַפּן נאָך אַ טראָפּן טאָג,
אײדער ער פאַרגײט.

מיט דעם ערשטן אָװנטיקן װינט
גיבן זיך אַ בײג צו דר'ערד די פּאַלמען־צװײַגן גרינע,
צעאָדערט און צעפּראַנצט אין אױפגעברױזטן צאָרן,
פּאַטשן זײ די לופט װי בעזעמער צעשפּרײטע,
װי זײ װאָלטן װעלן אָװעקיאָגן דעם טרױער,
װאָס טוליעט זיך צו זײ, די טונקלע, הױכע װעכטער,
אַנטלױפנדיק פון די צעיומטובטע־אױסגעפּוצטע גאַסן,
בעת זײ יאָגן נאָך נאָך אים
מיט גרעלן ליכט און אַ פאַרשײט געלעכטער.

מיאַמי ביטש, 1957

## פּאַלמעס ביים ים

ווי כלות שלאַנקע — אַרום די העלדזער דינע,
שווערע האַלדזבענדער פון גרינע, רונדע קרעלן,
שטייען זיי געדולדיקע אין אומענדלעכן וואַרטן
אויף די, וואָס דאַרפן אָנקומען מיט ימס צעהעלטע וועלן.

זיי וואַרטן אויף באַשערטע זייערע פון ווייטן, ווייטן לאַנד,
כאָטש קיינמאָל נישט געזען, דאָך היימיש און פאַרטרויט
דאָס לאַנד, וואָס טינקט זיך דאָרט אין זייער אייגענעם טרוים —
און וויסן נישט, אַז די חתנים זענען לאַנג שוין טויט.

זיי פלעכטן-צו און פלעכטן-אויף די לאַנגע, שווערע צעפּ,
ס'ווערט גליענדער די בענקשאַפט מיט איעדער שעה —
פאַרשפּילן זיי זיך מיט אַ מעשה וועגן גרויסן מלך,
וואָס האָט גענומען פאַר אַ ווייב די טונקלע מלכה שבא.

נאָר צווישן טאָג און נאַכט ווערט שטילער אַלץ און שטילער
אין זיי און אַרום זיי פון איינגעהאַלטענעם ווי —
די הויט-פאַרצויגענע קאַרבן נאָך פאַרשניטענע בלעטער,
הייבן אָן צו ווונדיקן און ברענען אויף דאָס ניי.

דעם ווינט, וואָס יאָגט זיי אָן מיט טונקל-בייזער בשורה,
גיבן זיי זיך אונטער מיט אַ יאָמערלעך געקלאָג —
דאַן מיט אַ שפּרונג געהיימען זיי רייסן אויף די אָדערן
פון בענקשאַפטן, וואָס דרעמלען אויפן ראַנד פון טאָג.

ביז ס׳גיט אַ פלייץ דער מערב מיט פורפורנעם בלוט,
פאַרציט די הויכקייטן מיט צונטער־רויטן פלאַם,
וואָס פאַלט מיט גאַרבן גליענדע אין וויגנדיקן וואַסער,
אַז ווייסט נישט, צי דאָס ברענט אַזוי דער הימל, צי דער ים.

דערשרעקן זיך אַליין פאַר שפרונג, ווי פאַר אַנטבלויזטער קללה,
ווילן פאַרלעשן און דערשטיקן פלאַקערדיקן בראַנד,
און קלאַפן אַזוי לאַנג די לופט מיט די צעלאָזטע צווייגן
ביז ס׳באַדעקט די קעפ ווי אַש דער אויפגעפאַטשטער זאַמד.

זיי וועלן מאָרגן ווידער שטיין אין וואַרטעניש פאַרגליווערט
און לייענען די סימנים אויף דעם הימלס ראַנד
פון פייגלפלי, און זיך אַליין פאַרוויגן
מיט אַ מעשה פון דעם ווייטן, אומבאַקאַנטן לאַנד.

# זאַמדן־דיונעס

עס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיי דער ים, ווי אַ באַלבאָס,
וואָס לאָזט זיין טרייען קנעכט אויף אייגענעם באַראָט —
געווען איז עס אין טאָג, ווען ס׳האָט דעם שווערן הימל
מיט בליצן דורכגעשניטן פרייגעלאָזטע גלוט.

מיט רוגזה האָט ער אויפגעשטעלט די כוואַליעס, ווי אַ וואַנט,
געריעוועט און געשפּריצט מיט ווייסן שוים פון מויל,
און פאַרטויבט די דונערן, וואָס האָבן זיך געטראָגן,
ווי פערדישער טאַבון אַריינגעשפּאַנט אין גרויל.

זיי, וואָס האָבן אונטערטעניק אויפן קאַרק געטראָגן
די שווערע וואַסער־משא פון קדמונים אָן,
זיי זענען איצט געבליבן אָפּגעדעקט און נאַקעט
פאַר מענטשס און חיהס טריט, פאַר שרפהדיקער זון.

נאָר ביט׳רער טעם פון זאַלציקייט אין יעדן קנייטש פון זאַמד —
שוין נישט מער דנאָ, נישט בעט פאַר פיש און פאַר קאָראַלן,
און אויך נישט שורש פאַר צעכוואַליעט־גילדנער תבואה,
געצייטיקטער אין ווינט און הייסע זונען־שטראַלן.

בלויז דאָ און דאָרט אַ בעזעמל פון האַרטן, שאַרפן גראָז
וואַקסט אַרויס פון זשמעניע ערד דורך ווינטן דאָ פאַרטראָגן,
ווי ס׳שפּראָצט אַרויס אַ בינטל האָר אויף טומטומס געלן פּנים,
כדי זיין נאַקעטקייט נאָך מער באַווייזן און באַקלאָגן.

נאָר אין די נעכט סע שאָרכן, שעפּטשען זאַמדן־דיונעס
מיט אַן אוראַלטער שפּראַך פון לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן,
און בערגלען זיך אַרויף און שלענגלען זיך אַראָפּ,
ווי זיי וואָלטן וועלן דעם ים מיט זיך פאַרבייטן.

זיי פויזען ווייט און ווייטער פון דעם ימס גערוישן
און דעקן צו מיט אייגן לייב וואָס אויפן וועג פאַראַן,
ביז אַליין זיי ווערן, ווי אַן אויסגעשפּרייטער
כוואַליענדיקער, ברייטער, געלער אָקעאַן.

## שויבן

די פֿאַרדאַגהטע שויבן ווערן מאַט אַלץ און מאַטער,
גלייך ס׳וואָלט זיי אויסגעלאָשן עמעצנס פֿאַראַט,
בעת זיי ווערן עדות, ווי ס׳טרויט אַן נאָוועמבער
זיין ווידוי אַ פֿאַרגעלטן, וויאַנענדיקן בלאַט.

זיי מוזן דערטראָגן צו די נאַכטיקע ברעגעס
פֿרעמדן טרויער אויף זייער שפּיגלדיקער פֿלאַך
און וויינען נישט מיט אייגענע, נאָר מיט פֿרעמדע טרערן,
וואָס טריפֿן אומדערבאַרעמדיק אַראָפּ אויף זיי פֿון דאַך.

זיי זענען בלויז די מעקלערס צווישן שטוב און דרויסן,
שטענדיק אינמיטן און דאַצווישן צווישן נאַכט און שיין,
פֿאַרמשפּט אַ ל ץ צו זען, אַפֿילו דאָס, וואָס וויל
מיט טונקלקייט פֿאַרשטעלן זיך פֿון זיך אַליין.

עס לאַשטשעט זיך צו זיי די וואַרעמקייט פֿון אויוון,
בעת זיי פֿרירן אין דעם ווינט מיט אויסערלעכער זייט;
אָפּגעפֿרעמדט צו זיך אַליין אין גלעזערנער צעצווייטקייט
גיבן זיי זיך אונטער שטום דעם גורלס גזר, באַשייד.

און וואָס איז זייער אייגנס? אַפֿילו נישט דערמאָנונג
פֿון חיה, אָדער בוים, צי מענטשלעכער געשטאַלט,
וואָס זאָל זיך איינקאַרבן און קומען זיי צו חלום —

נאָר דער פֿלוך פֿון זייער גלאַטיק־אויספּאָלירטער צורה,
וואָס האָט אַלעמען און זיי דורך פֿרעמדן בילד גענאַרט,
האָט זיי געמאַכט אַזוי אַכזריותדיק און קאַלט.

# פלאַמינגאָס

צו מיד פון שיינקייט אייג׳נער און פון אָוונטטרויער
שטייען זיי אין מיטן וואַסער איינגעשטילט, פאַרטראַכט,
זוי פאַרצייטיקע, פאַרגליווערטע סטאַטועס
אויף וועלכע ס׳פאַלט דאָס שווייגן פון פאַרנאַכט.

זיי שטייען אויף דער וואַך פון האַלב-פאַרגעסענע קלאַנגען
און פון לעגענדעס איינגעדרעמלט אויפן גרונט פון קוואַל,
בעת אויף זייערע פיס, ווי אָנגעשפּאַנטע סטרונעס,
פּיבערט דער שיפּער בויגן פון אַ לעצטן שטראַל.

זיי קערן זיך נישט אָן מיט רוישיקן אַרום,
אַ כמורנע אָפּגעזונדערטקייט סע טונקלט אין די בליקן —
זיי שטייען, ווי פּרינצן פון אַ קיניגרייך באַזיגטן,
איינגעדרעמט אין גלות פון טייך, דעם זילבערדיקן.

זיי שטייען, ווי פּרינצן פון אַ קיניגרייך באַזיגטן,
די אויסטערלישע פייגל פון אַ ווייטן, פרעמדן לאַנד —
אַזוי געשטאַנען זענען מיר אַמאָל ביי בבלס טייכן,
און ס׳האָט געוויינט אויף האַרף די אויסגעשטרעקטע האַנט.

די העלדזער אַזוי דין און שלאַנק און אויסגעבויגן
שרויפן זיך אַרויף אַלץ העכער און אַלץ העכער,
ווי ס׳וואָלט אַרויפגעשפּריצט אַ ראָזלעכער פאָנטאַן
ביז צו די פאַלמען-שפּיצן און די הייזער-דעכער.

און ס'דאַכט, אַט וועלן זיי די טונקלע נאַכט פאַרוויגן
מיטן געפלאַטער פון די פליגלען איבער ווייטן פליין,
און בלייבן הענגען אין דער לופט — אַ ראָזלעכער טומאַן,
ווי דער אָפשיין פון אַ זון, וואָס וויל נישט אונטערגיין.

נאָר די שנאָבלען זייערע אויסגעקרימט און שאַרף,
ווי שוואַרצער, אויספּאָלירטער, גלאַנציקער גראַניט,
ווי דורך אַ בייזן שפּיל פון קנאַהדיקע געטער
צום פוכיק-לייכטן גוף אויף אייביק צוגעשמידט,

שווערן צו דער ערד אַראָפּ אַכזריותדיק און שטייף,
ווי זיי וואָלטן וועלן אויפשניידן צום גרונט
דאָס וואַסער און די ערד, און זיך אַליין באַגראָבן
אין דער אָפּגעדעקטער, אויפגעריסענער וווּנד.

ווען נישט די שנאָבלען, צוואַנגען האַרט פאַרקלעמט,
וואָס ס'קען פונאַנדעררייסן בלויז דער הונגער,
וואָלטן זיי באַזיגט די נאַכט מיט ראָזלעך-העלן אָפשיין,
זיי, די טרויעריקסטע פייגל — די פלאַמינגאָס.

# מעוועס

וזי ס׳וואָלט דער דורכזיכטיקער, זון־באַזוימטער וואָלקן
זיך אָפּגעריסן פון דער בלאָער, הימלדיקער ראַם,
און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט בלענדיק־ווייסע שפּריצן
צו ווערן איינס מיט אויפגעשוימטע גריוועס פונעם ים.

אַ ווײַלע ליגן זיי אויף גרינלעך־בלאָע כוואַליעס
די ווייסע שפּריצן, אומבאַוועגלעך און פאַרשטאַרט —
און מיטאַמאָל, עס פּאַטשן שוין די לופט די פליגל,
די שנאָבלען אָפן, ליידיק, בייז און אָפּגענאַרט.

נאָר קוקסט זיך נענטער צו — דו זעסט, אַז אָט די ווייסקייט
איז איינגערעמט מיט שוואַרצקייט ביי דעם פליגל־ראַנד,
וזי ס׳וואָלט דער גאַנצער טרויער פונעם זיין
זיך איינגענעסט אין אָט דעם שמאָלן, טונקלעם באַנד.

דער שנאָבל שאַרף, און שאַרפער נאָך דאָס אויג,
וויל אויפשניידן די כוואַליעס ביז צום סאַמע גרונט,
ווי ס׳וואָלט אַ ווייטער בליץ אַדורכגעשפּיזט
צום צענטן מאָל אַן אויפגעריסענע ווונד.

דער בייזער, הייזעריקער, הונגעריקער שריי
רייסט אויף די שטילקייט מיט אַ יאָמערלעך געקלאָג,
ווי ס׳וואָלטן מעוועס וועלן אַ דין־תורה האַלטן
מיטן באַשעפער אין דער מיט פון שטראַלנדיקן טאָג.

ס'האָט דאָך איעדע איינע פון די מעוועס
געקענט ווערן אַ ווייסע, שטילע, וואָרקענדיקע טויב,
וואָס זוכט די קערנער אויף דער ערד דורך מענטשנס האַנט צעזייעט,
און נישט פאַרשאָלטן זיין צו גזילה, מאָרד און רויב.

צי וואָס די ווייסע מילדקייט פון די פעדערן,
ווען טרויער פראַנזט אַרום די פליגלען מיט אַ באַנד?
פאַרוואָס האָט זיי אין לעצטער רגע פון באַשאַף
דער גרויסער האַר פאַרביטן און פאַרדאַמט

צו ווערן פיילן שטראָפענדע געצילט צום האַרץ פון ים,
וואָס טראָגן בלויז מיט זיך פאַרדאַרבונג, טויט און פיין —
זאָל זשע דער הייזעריקער שריי זיך אויפהייבן וואָס העכער
און שרעקן מענטש און פי און פיש און גאָט אַליין!

# אַ שטערן

פֿון כמאַרעם אָנגעלאָפֿענע, ווי דראָענדיקע חיות,
האָט זיך קוים געראַטעוועט איין שטערן
אין דער תבה פֿון אַ הימל־פֿאַס, אַ שמאָלן,
און וואַרט, וואָס ס'וועט די נאָענטסטע רגע אים באַשערן.

מיט רוגזה קנוילט זיך איצט די שווערע פֿינצטערניש
און טורעמט בוואַליענדיק זיך שיכט אויף שיכט,
זי גרייט זיך צו פֿאַרלענדן, צו פֿאַרצוקן
דאָס איינזאַמע, דאָס קליינע פֿינטל ליכט.

זי יאָגט, דעריאָגט, באַפֿאַלט אין מיטן רוים —
דער לעצטער שטערן איז שוין האַלב פֿאַרדעקט,
עס דאַכט, אַז נאָך איין רגע, נאָך איין קורצער אָטעם,
און ס'וועט דאָס גאַנצע לעבן ווערן אָפּגעמעקט.

ס'הייבט אָן אַ יעדער בוים צו ציטערן אין אימה
און בלאַט פֿאַלט־צו צו בלאַט, ווי מויל צו מויל,
גיט איבער איינס דעם צווייטן אין אַ שעפּטש, אַ שטילן
די גאַנצע שרעק פֿון קומענדיקן גרויל.

גלייך ס'וואָלט זיך פֿון דער ערד איר שאָטן אָפּגעריסן,
גיט אַ וויש די לופֿט אַ פֿלעדערמויז אין פֿלי
און פֿאַרשווינדט — אויף פֿליגלען ברייט־צעשפּרייטע
די גאַנצע חשכות פֿון אָרום און שרעק פֿון מענטש און פֿי.

מסתם האָט זי עס אויפגעמאַכט די טויערן געהיימע
און אַרויסגעלאָזט דעם שווערן דונער אויף דער פריי,
וואָס שלאָגט זיך אָן מיט קאָפּ אָן פעלדזן און אָן בערג,
און רעווּעט אַ פאַרווּונדעטער מיט היהש־טעמפּן שריי,

און רייסט זיך אויף און קוילערט זיך איבער פאַרגאַפטן וואַלד,
און גרוילט אַ גרימיקער מיט פריש באַנייטער קראַפט —
עס לויפט אים נאָך זיין ווידערקול, ווי ס'וואָלטן ווילדע פערד
מיט קאָפּיטעס די ערד פאַרגוואַלדיקט און פאַרשקלאַפט.

נאָר אָט האָט שוין אַ פייערדיקע, אויסגעשטרעקטע האַנט
דעם הימל אויפגעריסן אין זיין גאַנצער ברייט,
זאָלסט קענען זען די נאַקעטיקע וואָרצלען פון די בליצן
אין זיין אַנטבלויזטן, טונקלען אינגעווייד,

איידער זיי שיסן אויף מיט אַ צעפלאַמטן בוים,
וואָס וויל אַריבערוואַקסן הימל, ערד און צייט,
און אין דער איינער רגע, וואָס איז אים באַשערט
בליט ער און צייטיקט פרוכטן, איידער ער פאַרגייט.

און ווידער ווערט עס שטיל, ווי ערב דעם באַשאַף,
אַז קענסט דיין אייגן האַרץ, דיין אייגענעם דופק הערן,
גלייך ס'וואָלט דאָס גאַנצע ליכט פון דעם פאַרצוקטן שטערן
אין דיר אַריינגעטריפט, זאָלסט אים אויפסניי געבערן.

# ווי פון תנ״ך ארויס

## ביסט שוין געווען אין מיין בלוט

ביסט שוין געווען אין מיין בלוט נאָך ערב מיין געבוירן,
האָסט זיך געצייטיקט מיט מיין פאָטערס דאַווענדיקן ניגון
און געפּרילינגט צווישן בלעטער פון מיין מאַמעס תחינה,
וואָס פלעג מיין אומרו קינדישן פאַרשטילן און פאַרוויגן.

עס האָט פאַרזיווגט מיך מיט דיינע גרינע טאָלן,
מיט די צעשטערנט-רויטע, ערשטע אַנעמאָנען,
די דורותדיקע בענקשאַפט פון אַ פאַסטעך-פייפל,
וואָס האָט אומזיסט געזוכט דאָ און געמאָנט מיין נאָמען,

בעת עס האָבן שמיטה-יאָרן פון מיין לעבן
געהפקרט און געדערנערט אין דעם לאַנגן נע-ונד,
און ס׳האָט געפרוווט די נאַקעטקייט פון מיינע אויגן
פאַרדעקן די דערמאָנונג, ווי דאָס רחמימדיקע בלאַט.

אין ראָזלעך-גרינע קנייטשן פון די בערג גלילער
האָב איך איצט דערזען אויפסניי מיין מאַמעס חופה-קלייד,
ביים רמב״מס קבר אויפגעגאַנגען איז מיין פאָטערס שטימע
דורך שטילקייט פון פאַרנאַכט ביים ראַנד פון טאָג פאַרזייט.

איך זוך דעם שטערן, ווו פאַראַנקערט איז מיין באָבעס תפילה,
„גאָט פון אברהם, גאָט,״ — איך ווער צוריק אַ קינד,
און כ׳ווייס אַליין נישט צי ס׳איז טוי, צי אפשר גאָר אַ טרער,
וואָס ס׳קושט אַראָפּ פון באַק דער אָוונטיקער ווינט.

## כ״ז ניסן

עס קלאָגן די סירענעס, פאַרגייען זיך אין ווײנען,
ווי ס׳וואָלט זיך אויפגעריסן אַ פאַרצוויגענע ווונד,
ווען סע פאַרשניידט מיט זעקס מיליאָנען טויטע
דער טאָג פון חודש ניסן איצט אויפסניי דעם בונד.

פון צפון ביז צום דרום, פון מזרח ביז צום מערב,
פון גרענעץ ביז צו גרענעץ און פון ראַנד צו ראַנד
האָט זיך איצט איינגעשטילט איעדער טראָט און קלאַנג —
און ס׳האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן ס׳גאַנצע לאַנד.

אין צוויי מינוט אַזוי ווי אין פאַרדעקטן אָרון
ברענגט מען זיי אַהער צוריק פון ווייטער פרעמד —
די צוויי מינוט פון שווייגן שווער מיט מאַמעס טרערן,
מיט לעצטן „שמע ישראל״, מיט שריי דורך ציין פאַרקלעמט.

עס קומט צוריק אַהיים מיין פאָלק, דאָס קברלאָזע,
ס׳שטייט אויף פון אַש, פון זייף און פון די מאַסן־גריבער,
און מיט אַ דייטשער קויל אין האַרץ מיט אים מיין מאַמע,
מיין טאַכטערס פאָטער, מיינע יינגערע צוויי ברידער.

צעעפנט האָבן ביימער די ראָזלעך־ווייסע בליטן,
עס האָבן זיך אַ שטרעק געטון צו זיי די הייסע וועגן,
און ס׳האָבן אַלע בערג אַ קני געטון, ווי קעמלען,
די האָרבעס אָנגעשפּיצט און אויפגעשטעלט אַנטקעגן.

די שטילקייט איז געוואָרן פול און מעוברת
מיט טויט — און ס'דאַכט, עס האָט זיך אויסגעשפּאַנט
אַ מיטה, ווי דער הימל גרויס, און ס'שפּאַרט די מיטה אונטער,
האַלט זי אין דער לופטן כביכולס האַנט.

# איילבערטביימער

ווי פון תנ״ך אַרויס צו אומבאַקאַנטע ווייטן,
צי עפּעס אַ פֿאַרכישופֿטן, פֿאַרויסגעאַנטן ברעג,
האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פֿונעם וואַנדער,
פֿאַרשטויביקטע און מידע פֿון דעם לאַנגן וועג.

די שטאַמען גראָ, ווי שטיין אַרויסגעשפּאַרט פֿון ערד,
צעלעכערט און פֿאַרפּלאָכטן, אויסגעקרימט, צעדרייט,
מיט טאָרבעס זקנישע אַרום די האַרטע לענדן
גלייך ס׳וואָלט אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט די צייט.

די בלעטער מיט אַן אונטערשלאַק פֿון זילבער מאַטן
באַהאַלטן אויס פֿאַרשעמטע, קליינע, דריבנע בליטן —
זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלץ, וואָס קען דאָס אויג דערפֿרייען,
זיי, די עקשנותדיקע, שטילע מדבר־היטער.

נזירים אונטערטעניקע אַ מאָנענדיקן קול,
וואָס האָט זיי אויסדערוויילט דורך קראַפֿט געהיימער
פֿון שבט צמחים צו אַ פֿאַרבאָרגענער שליחות,
פֿון צווישן אַלע אַנדערע זיי, די זיתים־ביימער,

אַז אויפֿגיין זאָל די פּרוכט פֿון זייער האַרטן לייב
מיט ליכט, וואָס כּפֿלט נסימדיק זיך אויפֿן דנאָ פֿון קריגל,
און ווערט אַ סטעזשקע צו דער הייך אין נעכט מיט חשכות פֿולע,
און באַוואַכט דעם שלאָף פֿון קינד אין זיין געפֿלאָכטן וויגל.

# דער דיכטערין פֿון כנרת

דו ביסט צו פֿרי אַוועק, איך בין צו שפּעט געקומען,
גיי איך דאָ נאָך דיין שפּור און ס׳ווייזן מיר דעם וועג
גלילער בערג מיט הויבן ראָזלעכע אויף קעפּ
פֿון זונפֿאַרגאַנג — ביי דעם כנרת־ברעג.

צוקאַפּנס פֿון דיין וויג געוויסט האָט זיך בערעזע,
נאָר ס׳רוישן פּאַלמעס איצט איבער דיין פֿלאַכן דאַך —
געבראַכט אַהער פֿאַר דיר פֿון ווייטן פּערסן־לאַנד,
שטייען זיי ווי שומרים טרייע אויף דער וואַך.

זיי גיבן דיר צו וויסן, ווען ס׳הייבט זיך דער כנרת,
און מאָרשטשענדיק זיין ברייטן שטערן, וועל נאָך וועל,
רייסט ער זיך אַלץ צו דיר אין אוממעכטיקן בענקען,
און שטאַמלט איינגעעקשנט בלויז איין וואָרט: „ראַבעל״.

און ווען דו שווייגסט, צו נייער טריישאַפֿט איצט פֿאַרשקלאַפּט,
שלאָגט ער זיך אָן מיט קאָפּ אָן שטיינערדיקער שוועל,
און וויל דיין לעצטע היים פֿאַרשווענקען ביז צום גרונט —
ער מאָנט צוריק זיין ליבשאַפֿט גרויסע — דיך, ראַבעל.

דו ביסט צו פֿרי אַוועק, איך בין צו שפּעט געקומען,
דערזע איך בלויז אין אויג פֿון באַרגיקער גאַזעל,
וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ וויילע אין ווילדן לויף,
די טונקלע אַנונג און דעם טרויער פֿון דיין ליד, ראַבעל.

# צפת

## א

די אַלטע אײלבערטבײמער אויסגעקרימט, צעדרײט
בײם קלעטערן און קלעטערן באַרג־אַרויף צו צפת,
מוזן נאָך געדענקען אַלע די, וואָס ליגן דאָ דערנעבן
אין פעלדזן, ווי אין האַרטע שאָלן אײנגעפּאַסט.

בײם לעבן האָבן זײ אין פינצטערניש פון הײלן
די צײט אַנטבלעטערט צו דעם סאַמע טיפסטן, לעצטן תוך,
און אויפגעשלאָסן קרײז נאָך קרײז צום ליכטיקן באַשײד,
וואָס באַפרײט פון ערדישן און חומרדיקן יאָך.

זײ האָבן זיך געראַנגלט מיט פאַרשטעלטע כוחות פון דער וועלט,
ווי יעקב מיטן מלאך אין יענער גורלדיקער נאַכט,
ביז ס׳האָט באַטלט די בענטשונג זײער וואָרט,
און ס׳האָט אַ זעונג די פאַרבאָרגענע שערים אויפגעמאַכט.

איצט רוען זײ אין זײערע פעלדזנדיקע קברים
בײם וועג, וואָס פירט צוריק פון יעדן נע־ונד
צו יענער שטאָט, ווו ס׳נידערט גאָט מיט יעדער שקיעה
און הילט זי מיט זײן אָטעם אײן — די וווּנדער־שטאָט צפֿת.

ב

געסעלעך ווי אָרעמס אויסגעשטרעקטע, דינע,
נעמען אַרום דעם נאַקן פון דעם הויכן באַרג,
זיי ווילן אים נישט אָפּלאָזן און טוליען זיך אַלץ נענטער,
ביז ער בייגט אַראָפּ צו זיי דעם שווערן קאַרק.

עס דרייען זיך דאָ טרעפּ און טרעפּלעך צווישן הייזער,
גלייך זיי וואָלטן גאָר אַליין דעם וועג פאַרלוירן,
ווי קליינע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט
צווישן אומבאַקאַנטע, שטיינערדיקע מויערן.

פון שולן טריפט מנוחהדיק און ווייך דער מנחה-ניגון
אויףביימער און אויף ערד, אויף הייזער אין דער גאַס,
בעת עס רייסט דעם וואָלקן דורך די מערבדיקע זון,
ווי ס׳וואָלט איר באַנג געטון אַוועקצוגיין פון צפת.

צוויי בינטן שטראַלן, ווי הערנער רויט-צעצונדן,
זוכן מיין האַרץ — עס ווערט די שטילקייט ציטיק
פאַר נייער מתן-שירה, וואָס עפנט אויף די לוחות
פון מיין אויסגעשעפּטן גאַנצן צער און ווייטיק.

ג

אַט דאָ אַקעגנאיבער איז דער הר מירון,
דאָס פּנים מיט געדיכטער, גרינער באָרד פאַרשטעלט —
ער היט די צייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט
ביי קברים הייליקע, וווּ די אַגדות אַלטע
זאַלבן די לופט מיט טרוימען פון משיחס קומען.

און ס׳האָרכט די ערד אין איר געדולדיק וואַרטן
אויף דעם ערשטן סימן,
אויף דער שעה,
ווען דער שטיינערדיקער, שווערער אויבערבאַלקן
פון קדמונים דורך דער סאַמע מיט געשפּאַלטן,
וועט צופאַלן צו איר מיט פריידיקן געדונער,
מיט אָנזאָג אויסגעבענקטן — ער איז דאָ.

נאָר איידער קומען וועט דער רחמימדיקער טאָג,
האַלטן ביי די קברים וואַך די אָנגעצונדענע ליכט,
ווי ס׳וואַלטן דורות זיך געשטעלט אין פלאַמיקע געוועגדער
לייענען די קוויטלעך מיט צעקנייטשטע רענדער,
קוויטלעך, ווי מושלעס ימישע פאַרדרייט,
און וועלכע ס׳רוישט דאָס מענטשלעכע, דאָס נישט דערלייזטע לייד.

# כאַמסין

עס איז די מיטאָגדיקע שעה צו מיר געוואָרן
אַריינצוקוקן אין די פענצטער
פאַרהאָנגענע מיט שטאָרן —
זי לעכצט נאָך ווינקלען טונקעלע און קילע ווענט,
נאָך שאָטנדיקע הענט.

שטיינער אויף פעלדער נאַקעטע צעזייט,
ווי דינאָזאַווערן־אייער גרויס און ווייס און הייס,
בריען אויס אין מיטאָגדיקער חמימה
ערב־בראשיתדיקע צייט.

עס רירט זיך נישט קיין גראָז, קיין בלאַט
אין פאַרכטיקייט פאַרשטאַרט,
ווי ערב יום־הדין,
בעת עס וויל דער מדברס שרפהדיקער גומען
אויסטרינקען די גאַנצע פייכטיקייט פון ערד
מיט דעם כאַמסין.

עס בלעקערצן די שאָף
אינמיטן וועג,
אויף סטעזשקע דין און שמאָל,
גאַרטלען אַרום דעם באַרג מיט טונקל־גראָער שנור,
און ס'דאַכט, אַז ס'ליגט אויף זייער קרייזלדיקער וואָל
דער שטויב פון אַלע שטיקענד־הייסע, מידע טעג.

אַ שוואַרצער פלעק באַווייזט זיך אין דער הייך,
דראָענדיק און בייז,
גלייך ס'וואָלט זיך אָנגערוקט אַ נייע ליקוי-חמה
די זון פאַרדרענגען פון איר איינגעוווינטן קרייז.

עס בלייבט דער אָדלער הענגען אין דער לופט
אומבאַוועגלעך, גלייך, ווי אין אַ דרימל —
נאָר מיטאַמאָל,
ווי ס'וואָלט צו שווער געוואָרן זיינע פליגל
דער אויסגעבלאָטער הימל,
לאָזט ער זיך אַראָפּ צום ווילדפאַרוואַקסענעם טאָל.

דעם אָדלערס שאָטן פליט פאָרויס,
אַלץ נענטער, נענטער צו דעם קוסט,
וואָס ציטערט מיט מיט טויטן-שרעק
פון צוגעטשאַיעטע קרבנות.

אויף גראָז צעפרילינגטן און גרינעם
זיין שאָטן פאַלט
מיט טונקלעם פלעק,
ווי ס'וואָלט דער גורל אָנגעטון
דער ערד אַ מאַסקע אויפן פנים.

און אויף דעם גראָז,
דעם יונגן, העלן,
עס בלייבט אַ טונקל־רויטע שפּור,
ווי פון אַ שנור
צעשיטע קרעלן.

און ווייסט אַליין נישט, קענסט נישט אַנען,
צי זענען דאָס די טראָפּנס בלוט
פון פריש פאַרצוקטן קרבן,
צי האָבן זיך גאַר־וואָס צעבליט
אין הייסן, שטיקענדן כאַמסין
די ערשטע אַנעמאָנען.

# ביי שלמה המלכס קופּער־מינעס

ווי שיפן מעכטיקע, וואָס זענען דורכגעשוווּמען
שוין תקופות און מדבריות צעווירבלטע מיט זאַמד,
און זיך דאַן אָפּגעשטעלט דאָ אַלע אין איין שורה,
גלייך ס׳וואָלט באַצוימט זיי און געפירט איין ווילן און איין האַנט.

מיט זייער גאַנצער מאַסיקייט אַרויף אויף שטיינער־פּליטעס
פון קדמונים צוגעגרייט פאַר זיי דאָ אויף דעם אָרט,
אויף צו פאַראַנקערן די פעלדזיקע קאָלאָסן
צו דעם אומענדלעך־ברייטן, וויסטן זאַמדן־פאָרט.

די קופּער־רויטע מאַסטן שטעכן זיך אַריין אין בלאָעם הימל,
אין זייער מעוברתדיקער, שווערער, פולער טראַכט
דרעמלט אורצייט איינגעתפיסהט און פאַרשטיינערט,
דורך קיינעמס שפּרוך ביז היינט אַנטכישופט און דערוואַכט.

די צעפּלאַמטע, שרפהדיקע, מיטאָגדיקע המימה
צינדט זיי אָן מיט רויטן, גליענדיקן צאָרן —
פאַרוואָס האָט זיי צום אָרט פאַרשקלאַפט אַ פרעמדער ווילן
צוגלייך מיט נישטיק־קליינעם, אויסגעדאַרטן דאָרן?

נאָר זיי ווערן מילדער מיט דער בלאָ־פיאָלעטער שקיעה
און האָרכן איין זיך, אויסגעשטרעקטע, אין דער ווייטער ווייט,
צי ס׳וועט נישט טון אַ דונער שלמה המלכס שטימע,
פאַרבלאָנדזשעט און פאַרשפּעטיקט אין חלל פון דער צייט.

זיי וואַרטן אויף באַפעל מיט באָרט און מאַסטן גרייט
אין נעכט אַרומגעזוימט, באַקראַנצט מיט שטערן שטילע,
אויף דעם באַפעל, וואָס וועט זיי אָפּבינדן פון שטאַפּל און פון קייט
און אַ לאָז טון איבער שטורמיש־אויפגעברויזטע זאַמדן,
זיי, די שטאָלצע, קיניגלעכע, מעכטיקע פלאָטילע.

# די בערג פון נגב

די בערג פון נגב שטום מיט זייער אוראַלט שווייגן,
שטייען איינס ביי איינס געקייטלט און געשפּאַן,
גלייך עס וואָלט צו דער טרוקענער מדבר צוגעוואַקסן
אַ פאַרבלאָנדזשעטער, פאַרשטיינטער קאַראַוואַן.

דאָ וואַקסט קיין בוים, קיין גראָז, אַפילו נישט קיין דאָרן —
ערב־בראשיתדיקע נאַקעטקייט דורך גאָרנישט נישט פאַרשטעלט,
ווי ס'וואָלט אויף זיי אַרויפגעלייגט זיין גליענדיקן חותם
און זיי פאַרקנסט צו זיך דער גרויסער האר פון וועלט.

עס וואַקסט קיין בוים, קיין גראָז, אַפילו נישט קיין דאָרן,
ווו ס'קען בלויז הויזן גאָט אַליין מיט שטאַרקער,
שטרענגער האַנט —
דו קענסט אים קיינמאָל זען, נאָר קענסט זיין אָטעם פילן,
ווען ס'ווירבלט אויף אַ הייסער ווינט דעם דינעם שטויב און זאַמד.

עס הייבט זיך אויף אַ ברוינער וואָלקן שטויב און זאַמד,
געטראָגן פון דעם שרפהדיקן, מדברדיקן ווינט,
בעת ער נידערט דאָ אַראָפּ — זיין אָנגעזיכט פאַרהילן,
ס'זאָל פון זיין שטראַליקייט דער מענטש נישט ווערן בלינד.

# מדבר

מיט תעניתדיקן אָטעם שרפהט מדבר אַלע מײַנע גלידער,
כ׳וויל זיך דערמאָנען, ווען בין איך שוין דאָ אַמאָל געשטאַנען —
ס׳קען זײַן, איך וועל דערקענען נאָך דעם אַלטן ברונעם
נעבן וועג, ווו ס׳בלײַבן שטיין די פֿרעמדע קאַראַוואַנען.

נישט מײַנע ברידער האָבן מיך פֿאַרקויפֿט פֿאַר זילבערשטיקער
שווערע,
כ׳זאָל ווערן אין דעם פּרעהס לאַנד די זעערין פֿון שטערן,
און פֿאַיען דאַרע קי, און פֿול מאַכן די זאַנגען,
פּוסטע און ליידיקע, מיט טל פֿון מײַנע טרערן.

נישט מײַנע שוועסטער האָבן מיר פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט
אַ שלייער
אַז כ׳זאָל נישט זען דעם טרויער אין מײַן גורלס אויגן,
בעת עס האָט פֿאַרקנסט מיך צו די פֿרעמדע וועגן
אַ שעה, וואָס האָט דעם הימל מיט אַ רויך פֿאַרצויגן.

איצט שטיי איך ווי אַמאָל אין מדברס פֿיבערנדיקער גלות,
איינזאַם ווי זי, פֿון נע־ונד און וואַנדער־וועגן מיד,
נאָר כ׳פֿיל, ווי ס׳פֿליסט אַרײַן איר בענקשאַפֿט אין מײַן בלוט

צום ערשטן, יונגן גראָז, וואָס וועט מיט גרינער שווערד
שפּאַלטן איר רויטע, רויע, נאַקעטיקע ערד,
ווי ס׳שנײַדט זיך אין מײַן האַרץ אַרײַן דער אָנהייב פֿון אַ ליד.

# אינהאַלט


## פון יענער זייט ליד

פון יענער זייט ליד . . . . . . . . . 9
מיין מאַמען . . . . . . . . . . 10
דורות . . . . . . . . . . . 12
אין חיפל טרערן . . . . . . . . 14
מיין מאַמע איז געקומען היינט צו מיר אין חלום . . . 15

## ווען מלאָכים שלאָפן

די ווערטער פון מיין אלף־בית . . . . . . . 21
פאַרשעם נישט מיין וואָרט . . . . . . . 23
כ׳האָב היינט ביינאַכט . . . . . . . . 24
האַלט ווייט פון מיר . . . . . . . . 25
הינטער גאַרדינען פון נאַכט . . . . . . . 26
אָפּעראַציע־זאַל . . . . . . . . . 31
אין שפּיטאָל . . . . . . . . . . 34
די קאָרידאָרן טונקל . . . . . . . . 36
פסחדיקע נאַכט . . . . . . . . . 39

## זיך אַליין אַנטקעגן

אַלץ וואָס איז איינזאַם . . . . . . . . 43
אין ווייס נישט . . . . . . . . . 44
די גריל . . . . . . . . . . . 45
מיין נשמה האָט זיך אויסגעוויינט די אויגן . . . . 46
דאָס גראָז . . . . . . . . . . 47
צו וועלכן חודש . . . . . . . . . 48
מיט וועלכן וועג . . . . . . . . . 49
אַ פרעמדע האַנט . . . . . . . . . 50
פון וואַנען . . . . . . . . . . 52
חלום האָט פאַרשטעלט . . . . . . . . 54
אָט דאָרט . . . . . . . . . . 55
שפּיל אין פּאַנטן . . . . . . . . . 56
אויב ווערט . . . . . . . . . . 58
אַזויפיל וועגן . . . . . . . . . 60
שוואַרצע קראָען . . . . . . . . . 61
דורך דער קאַרגשאַפט פון גורל . . . . . . 62

אין שטילע... 64
דער טונקעלער שליח 65
איוב 67


## מיט ביימער און פייגל


אינדיאַנער זומער אין קאַנאַדער בערג 73
פאַרשפעטיקטער רעגן 75
װערבע ביים טייך 77
ס'שפרייטן זיך 78
אַ פאַרשפעטיקטער פרילינג 80
האַרבסטיקע פעדעם 81
האַרבסטיקע לאַנדשאַפט 83
ווינטערדיקע לאַנדשאַפט 85
פאַרנאַכט אין פאַרשנייטן װאַלד 87
אין אַ ווינטערדיקער נאַכט 89
װילדװיין 91
פאַרנאַכט ביים ים 93
פאַלמעס ביים ים 95
זאַמדן־דיונעס 97
שױבן 99
פלאַמינגאָס 100
מעװעס 102
אַ שטערן 104


## װי פון תנ"ך אַרויס


ביסט שוין געװעזן אין מיין בלוט 109
כ"ז ניסן 110
איילבערטביימער 112
דער דיכטערין פון כנרת 113
צפת 114
כאַמסין 117
ביי שלמה המלכס קופער־מינעס 120
די בערג פון נגב 122
מדבר 123

## אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגענדע ביכער:

### אין יידיש:

| | |
|---|---|
| י. זרבבל | בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט |
| י. זרבבל | בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2) |
| מענדל מאַן | נאַכט איבער גלושינאַ |
| אברהם סוצקעווער | אין מדבר סיני |
| ישראל טאַבאַקמאַן | מיינע איבערלעבונגען |
| ש. בערלינסקי | בילדער און דערציילונגען |
| י. פאַפּיערניקאָוו | היימישע און נאָענטע |
| מענדל מאַן | ביי דער ווייסל |
| ק. צעטניק | דאָס הויז פון די ליאַלקעס |
| יוסף בירשטיין | אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן) |
| מלך נוי (ניישטאַט) | דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל |
| מאָטעס דייטש | צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער) |
| יצחק לעוו | אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן) |
| מרדכי יפה | צען ישראל־דיכטער |
| יצחק פאַנער | שלום אַש אין זיין לעצטער היים |
| פרץ גראַנאַטשטיין | מענטשן פון נעכטן |
| יחיאל האָפער | אַ הויף אויף פּאָקאַרנע (באַנד 1) |
| יחיאל האָפער | אַ הויף אויף פּאָקאַרנע (באַנד 2) |
| ה. לייוויק | אויף צאַרישער קאַטאָרגע |
| נחמן דרוזדוב | אחד־העם |
| עזרא קאָרמאַן | צייכנס און צירופים |
| רבקה באַסמאַן | טויבן ביים ברונעם (לידער) |
| י. צ. שאַרגעל | פון וויי און גלויבן (לידער) |
| דוד זאַקאַליק | געראַנגל |
| אַ. קאַרפּינאָוויטש | דער וועג קיין סדום |
| א. ריוועס | מיט דער שיף „טשיטשערין" |
| יוסף כרמל | אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער |
| מרדכי אורן | דער פּראָגער פּראָצעס דערציילט (באַנד 1) |
| מרדכי אורן | דער פּראָגער פּראָצעס דערציילט (באַנד 2) |
| יחיאל האָפער | ר׳ זלמן |
| א. שטיינבאַרג | משלים |
| הערש מענדל | זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער |
| נ. ניר־ראַפאַלקעס | ערשטע יאָרן |
| י. זינגער | דראַמאַטישע שריפטן |
| דוד פלאַקסער | אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן |
| ש. וואָרזאַגער | ברויט (ראָמאַן) |
| בעריש וויינשטיין | אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע) |
| לוי פאַפּיערניקאָוו | אין דער נייער היים |
| אברהם ליס | היים און דויער (עסייען) |
| ד״ר ח. שאָשקעס | מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער |
| משה ווייסמאַן | אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע |

| | |
|---|---|
| פ. גאָרעליק | **פון די מלינער וועלטן** |
| י. בראָנשטיין | **אינאײנעם און באַזונדער** |
| פ. בערמאַן | **אָפענע פענצטער (לידער)** |
| א. וואָלף יאַסני | **די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג** |
| אריה שמרי | **די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)** |
| א. סוצקעווער | **אָאַזיס (לידער)** |
| א. מנור | **40 יאָר הסתדרות** |
| א. לעוו | **ביימער אין ווינט (לידער)** |
| ל. אליצקי | **מיין האַרץ־רייזע (לידער)** |
| יעקב כהן | **דער גורל פונעם ייד** |
| נ. דרוזדוב | **יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע** |
| ספר זרבבל | **צו זיין 75־טן געבוירנטאָג** |
| י. פּאַפּיערניקאָוו | **די זון הינטער מיר (לידער)** |
| ד״ר צבי כהן | **די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד.)** |
| מ. יפה | **ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור** |
| ד״ר מ. דוואָרזשעצקי | **אייראָפּע אָן קינדער** |
| ק. צעטניק | **דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ** |
| מלכה לי | **אין ליכט פון דורות (לידער)** |
| דבורה דיין | **אין גליק און אין טרויער** |
| יוסף ראָטנבערג | **(צו זיין ערשטער יאָרצייט)** |
| ש. פּאָליאַקעוויטש | **אין אַ פרעמדער הויט** |
| ב. עפשטיין | **זאַנגען אויפן ווינט** |
| יוסף גאַר | **ווידערקלאַנגען** |
| ספר בארשטשיוו | **יזכור־בוך** |
| מרים ריינעס־מלצר | **צום קוואַל** |
| יעקב כהן | **אונטער סאָוויעטישע הימלען** |
| ד״ר חיים שאָשקעס | **פון מאָסקווע ביז עבר הירדן** |

## אין עברית:

| | |
|---|---|
| יוסף רוזן | **כתבים נבחרים** |
| אפרים שרייער | **אמנות ותיאטרון** |
| י. לשצינסקי | **הדמות הלאומית של יהדות הגולה** |
| יעקב פאַט | **שיחות עם סופרים יהודיים** |
| מ. ברלנד | **300 שעות בגיטו הדועך** |
| יהושע גלבוע | **על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות** |
| נ. חנין | **ברלה** |
| י. זרבבל | **עלי חיים** |
| אפרים אויערבאַך | **קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)** |
| א. אלמי | **בין סיני לאולימפוס** |
| מ. בורשטין | **פת ומלח** |
| ר. קביאטקובסקי־פנחסיק | **נשים מאחורי הגדר** |
| נחמיה לוינסקי | **בצל הגזעים** |
| ד. פלקסר | **האידיאה והאמת** |
| מול האויב הנאצי | **זכרונות ועדויות (עברית־יידיש)** |